# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11 (העפט 278)     פופצנטער יאָרגאַנג     נאָוועמבער 1954 לאָנדאָן

אינהאַלט:



| | | |
|---|---|---|
| יוסף אָפּאַטאָשו (פּאָטאָ) | | 1 |
| די פּטירה (קאַפּיטל פון „אין די פּוילישע וועלדער״) | י. אָפּאַטאָשו | 1 |
| יוסף אָפּאַטאָשו | א. נ. שטענצל | 4 |
| אָפּאַטאָשו דער דערציילער | דר. יעקב י. מייטליס | 7 |
| מאיר באַלאַבאַן (דערציילונג) | י. אָפּאַטאָשו | 12 |
| יידיש (עסיי) | י. אָפּאַטאָשו | 17 |
| אויף אָפּאַטאָשוס פרישן קבר (ליד) | שמואל ווהייט | 24 |
| יוסף אָפּאַטאָשוס גרויסקייט | י. א. ליסקי | 25 |
| אויפן פרישן קבר פון יוסף אָפּאַטאָשו | י. ביעטש | 28 |
| שוין די מנחה־שעה (פּאָעמע) | דוד ווידנפעלד | 31 |
| לידער פון זיך (לידער) | יוסף הלל לעחי | 32 |
| יוסף אָפּאַטאַשו, אָקטאָבער, פּאול סעזאַן, (לידער) | א. נ. שטענצל | 33 |
| דזשיגאַן און שומאַכער, בן ציון ווויטלער און שפרה לערער | ש. | 36 |
| די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס | | 36 |



**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אבאָנענט־פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער״

פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור אין ענגלאַנד!
ווערט לייענער פון נייעם חודש־זשורנאַל

## „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער״

וואָס דערשיינט אין בוענאָס־איירעס אונטער דער רעדאַקציע פון **משה קנאפּהייס**, און רעפּרעסענטירט דאָס יידישע ליטעראַרישע אַרגענטינע פאַר דער יידישער וועלט.

אַבאָנירט גלייך די פאַרביק־אילוסטרירטע פּראַכט־אויסגאַבע פאַר ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער און פילם, וואָס וועט באַשיינען אייער טיש.

אַבאָנאַמענט־פּרייז פאַר אַ יאָר: 4 דאָלאַר. ערן־אַבאָנאַמענט: פון 6 דאָלאַר אָן.

שרייבט גלייך אויפן אַדרעס:

"Hojas Literarias Ilustradas," R. Escalada de San Martin, 2670, Dto C
BUENOS AIRES, ARGENTINA.

## קייטי בראון׳ס ראָמאַן „אונטערן זעלבן דאַך״

ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון פאַרערער אַרויסצוגעבן קייטי בראון׳ס ראָמאַן „אונטערן זעלבן דאַך״ אין בוך־פאָרם. אַזוי ווי דער ראָמאַן האָט זער שטאַרק אויסגענומען ביי אַלע לעזער, און אַזוי ווי די אויסגאַבן פון אַ בוך זיינען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות, לאַדעט דער קאָמיטעט איין די יעניקע וואָס ווילן זיך באַזאָרגן מיט דעם בוך אַז זיי זאָלן אַזוי גוט זיין ביי־שטייערן צו דער אויסגאַבע פאַר וועלכע זיי וועלן באַקומען די ערשטע קאָפּיעס פון בוך מיט דער אונטערשריפט פון דער פאַרפאַסערין.

אַלע ביי־טראַגן זאָלן געשיקט ווערן אויפן אַדרעס פון קייטי בראון:
Katie Brown, 26 Chicksand Street, E.1.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## אבידות שאינן חוזרות

מיר דריקן אויס אונזער טיפן טרויער צו די גרויסע אבידות פון אונזער יידישער ליטעראַטור, דעם פלוצלינגען טויט פון אונזער גרויסן יידישן שרייבער **יוסף אפּאַטאָשו** און פון דעם באַוווסטן זשורנאַליסט און עסייאיסט **צביון** (ד״ר. האָפמאַן) — עס זיינען אַן אבידות שאינן חוזרות.

„פריינט פון יידיש לשון״.

---

## 15 יאָר „אַרגענטינער ביימעלעך״

מיר פרייען זיך מיט מיטן יום־טוב פונם יידישן ישוב אין אַרגענטינע וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו 15 יאָר „אַרגענטינער ביימעלעך״.

אַ ליטעראַרישן זשורנאַל קאָן מען אַרויסגעבן אין אַ וואַקוואָום אין אַ מדבר — צו קינדער ליטעראַטור מוז מען האָבן די אונטערוואַקסנדיקע קינדערלעך. און מיר מאַכן שהחינו וקימנו און מיר ווינטשן דעם רעדאַקטאָר זעליק מאַזור, דעם פיינעם דיכטער פון קינדער לידער, זוכה צו זיין צו פייערן נאָך דעם 50־טן יובל.

---

## זלמן זילבערצווייג א בן ששים

דער באַקאַנטער שרייבער און רעדאַקטאָר פונם יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן זלמן זילבערצווייג איז אַלט געוואָרן 60 יאָר. מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך גוטע יאָר און פרוכטבאַרע טעטיקייט פאַר דער וויכטיקער און נויטיקער אַרבעט פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

מיר פאַרצייכענען אויך דעם 25־סטן יובל פונם פאַריזער חודש זשורנאַל „דער טעאַטער שפּיגל״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם באַקאַנטן אַקטיאָר אהרן פּאַלאַקאָוו.

---

סוף־חודש זונטאגס

**בן אורי,** 14 פאַרטמאַן סטריט, וו.1.

**זונטאג,** דעם 28־טן נאָוועמבער, 8 אזייגער

**געווידמעט דעם אנדענקן פון י. אפּאַטאָשו**

עס וועלן רעדן: י. ביעטש, י. א. ליסקי, אליהו פּאלושאַק

לייענען: נעט רובין פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

---

## רעדאקציע נאָטיץ

דער היינטיקער נומער „לשון און לעבן״, געווידמעט דעם גרויסן נפטר, י. אַפּאַטאָשו, האָט געזאָלט זיין אַ דאָפּל־נומער, אָבער ליידער, ביי אונזער מאַטעריעלער לאַגע איז עס אונז געלונגען קוים מיט אַ פאַרגרעסערונג פון אַ פירטל בויגן, און דאָס אויך א דאַנק איייניקע פריינט, וועלכע מיר זיינען זער דאַנקבאַר. די לאָנדאָנער קולטור־ידיעות קומענדיקן חודש.

אין לעצטן נומער זיינען, על פּי טעות, ש. זאַלקינס צוויי לידער „גליקלעכע״ און "אָסיען" געדרוקט געוואָרן אונטער י. ה. לעוויס לידער.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 11 (העפט 278) פופצנטער יאָרגאַנג נאָוועמבער, 1954 לאָנדאָן



י. אפּאַטאָשו

## די פּטירה•

שוין צוויי וואָכן, ווי ר׳ מענדעלע איז נישט אַרויס פון בעט, געווען זייער שוואַך. אַ חוץ ר׳ איטשען האָט ער קיינעם נישט געוואָלט זען, נישט געלאָזט צורוימען דעם פאַרלאָזטן חדר, וואָס איז פול געווען מיט שפּינוועבס. איבער דער פאָדלאָגע האָבן שפּאַצירט מייזלעך, זיך געהאַלטן אַזוי היימיש, אַז זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן ביים רבינס בעט, קוועטשן מיט די שנעבעלעך, ווי זיי

וואָלטן עפּעס פאַרלאַנגט און אין הויף האָט מען געגלויבט, אַז דאָס זיינען זינדיקע נשמות, וואָס דאַרפן „תיקון“.

ר׳ איטשע האָט געהאַלטן אין איין צוואַרפן העלצער אין אויוון אַריין, און אַז ס׳פייער האָט זיך צעפלאַקערט, האָט ר׳ מענדעלע אַפּערגענומען פון אונטערן קישן אַ שליסל, און אים צוגערופן:

— נאַ, נעם אַרויס די שמות פון מיין קופערט און פאַרברען! וואָס קוקסטו? פאַרברען, זאָגט מען דיר! דער דרוקער האָט שוין גענוג אָנגעדרוקט! נישטאָ פאַר וועמען צו שרייבן! הערסט, איטשע, כ׳ווער דערשטיקט — — — די וועלט ש ט י נ ק ט מיר — — — נו, וואָס וואַרטסטו? וואַרף אַלץ אין פייער אַריין!

ר׳ איטשע האָט געוואָרפן אין אויוון אַריין איין כתב־יד נאָכן צווייטן, און אַז ער האָט אַריינגעוואָרפן דעם לעצטן, האָט ר׳ מענדעלע זיך צעלאַכט, שטיל און טרוקן, אַז ס׳האָט ר׳ איטשען דורכגעשוידערט.

— אָפּגעאַרבעט אַ לעבן, זיך גע׳מח׳ט, מחדש געווען וועלטן, געוואָלט ברענגען משיחן — פרעג איך דיך — וואָס? וואָס? קומט אַ פייערל, און דער אמתער מענדעלע איז שוין נישטאָ, געבליבן בלויז א זעקל מיט קראַנקע ביינער! בין איך נישט גערעכט, איטשע — האָט דער רבי אָנגענומען זיין האַנט — אַז דער מענטש איז אַ שטינקער? האַ, וואָס שוויגסטו?

דער רבי האָט צעעפנט די אויגן, און זיך מיט אַמאָל אַ זעץ אויף געטאָן:

— האָסט שוין אַלץ אַריינגעוואָרפן אין פייער? אַלץ?

— אַלץ, רבי.

— אַ שאָד, אַ שאָד — — — האָט ר׳ מענדעלע זיך פאַרקרימט, ווי ער וואָלט איבערגעלעבט שרעקלעכע יסורים.

— וואָס איז, רבי? וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, גאָרנישט — — — צווישן די שמות איז געלעגן מיין ספר־האדם, אַ חבור, וואָס האָט געהאַלטן איין זייטל, און אַנטהאַלטן דעם גאַנצן מענטש — — — אַ שאָד, דעם ספר־האדם האָב איך געוואָלט איבערלאָזן —

— אַז ס׳איז איין זייטל, רבי, קאָן מען דאָך עס איבערשרייבן — האָט ר׳ איטשע אים געוואָלט באַרואיקן.

— מ׳קאָן נישט, מ׳קאָן נישט — האָט דער רבי פאַר׳עקשנ׳ט איבערגע־חזר׳ט און גענומען רייבן מיט אַ האַנט דעם שטערן, — כ׳געדענק נישט, כ׳געדענק נישט — — —

דער רבי האָט אַ פאַל געטאָן אויפן קישן אָן כחות, פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן קרעכצן. ר׳איטשע האָט אים געמינטערט. די חסידים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום די פענסטער, געזען, ווי דער רבי איז אַוועקגעפאַלן, האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין די שויבן, זיך געריסן מיט קולות אַריין.

דער רבי האָט צוריק געעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן צום פענסטער, פון וואַן די קולות זיינען געקומען, געשאָקלט צו ר׳ איטשען מיטן קאָפּ:



— זעסט דעם אָנלויף? אין די יונגע יאָרן, ווען כ׳האָב געפילנעוועט, האָט זיך די „פּאָספּולסטוואָ“ נישט אָנגעקלעפּט אין מיר! זייער שמחה איז געווען אין לשער, ווען איך, מענדל, בין נכשל געוואָרן אין זייערע אויגן, און דער איזשביצער האָט צוגענומען ס׳פּעבל! אין תוך האָט יעדער מענטש פיינט אַ צדיק, פרייט זיך, ווען ער כאַפּט אָן ערלעכן מאַן ביי אַן עברה! אַז ווער דאַרף זיי? ווער דאַרף זיי, פרעג איך דיך? ווען איך וואָלט אָנגעהויבן פון דאָס ניי, — איז ר׳ מענדעלע געוואָרן אויפגערוימטער — ווייסטו וואָס כ׳וואָלט געטאָן? כ׳וואָלט זיך אויסגעקליבן עטלעכע הונדערט יונגעלייט, זיי אָנגעטאָן שטריימלעך פון קרויט, אַרויפגעשיקט אויף דעכער, זיי זאָלן שרייען טאָג און נאַכט — די וועלט שטינקט, די וועלט שטינקט — — —

ר׳ מענדעלע איז אַנטשוויגן געוואָרן, געפילט, אַז ס׳ווערט אים לייכטער. דאָס גערויש אין קאָפּ האָט נאָכגעלאָזט, פאַרשווונדן, ער האָט געקוקט, ווי דאָס פּאַפּיר פלאַקערט, קאָרטשעט זיך, ווערט נישט, אויסגעזען אומבאַהאַלפן, ווי איינער, וועמעס גאַנץ פאַרמעגן ברענט און ער קאָן זיך נישט העלפן. ער האָט זיך אַ צי געטאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס ראַטעווען און זיך געבעטן:

— גיב מיר פּאַפּיר — — — גיב מיר אַ פעדער — — —

ער האָט געהאַלטן די גענזענע פעדער צווישן די פינגער, געציטערט, געזען, ווי דאָס בייגעלע פּאַפּיר צעוואַקסט זיך, די אותיות ווערן גרעסער, גרעסער, הויבן זיך אויף, אַזעלכע בלויע, פייערדיקע, דרייען זיך פאַר זיינע אויגן ווי רעדער, אַ ראָד איבער אַ ראָד, אַ ראָד אין אַ ראָד, וויקלען זיך אַרום בעט פון אַלע זייטן, הויבט זיך די שטוב אָן מיטצודרייען, גיך, גיכער, און אַרום האַרץ ווערט מיט אַמאָל אַזוי הויל . . . זאָל דאָס זיין דער סוף? . . .

ר׳ איטשע האָט זיך געכאַפּט, אַז דער רבי מישט, ווייס נישט וואָס ער שרייבט, האַלט אין איין איבערחזרן די זעלבע אותיות. ער האָט פּרובירט לייענען:

— ספר־האדם. ספספספ — ה־ההאדם — ספספספספ ספ ספספ — — — — — — — — — — — — —

דער רבי האָט אַ שליידער געטאָן אין דר׳ערד דאָס פּאַפּיר מיט דער פע־דער, שווער אָפּגעזיפצט, און געבליבן ליגן אָן מראה. אַרום די פאַרקוועטשטע ליפּן זיינען געשטאַנען בלעזלעך. אַ דערשראָקענער האָט ר׳ איטשע אַריינגע־רופן דעם שמש. דער רבי האָט נאָכאַמאָל געעפנט די אויגן, געקוקט אַ ווילע אין חלל פאַר זיך, געגלאָצט מיט איין אויג, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט באַ־וועגן דערמיט, זיך אָפּגעשטעלט אויף ר׳ איטשען, עטלעכע קרעכץ געטאָן און איז נסתלק געוואָרן.

---

*אַ פראַגמענט פון אַ קאַפּיטל אונטער דעם נאָמען פון אָפּאַטאָשוס ראָמאַן „אין די פוילישע וועלדער—ד.ר.

## א. נ. שטענצל

# יוסף אָפּאַטאָשו*

מיט זיין גאַנצער ברייטקייט און פאַרנעם, מיט זיין גאַנצער וואַרעמער צוגעטוענקייט און האַרציקייט שטייט ער מיר אַזוי לעבעדיק פאַר די אויגן, און מיט אַזוי פיל כאַראַקטער־פעסטקייט און שטאַרקן אויסדרוק אין זיינע קאַנטיקע פנים־שטריכן, בולטע און שאַרפע, אַז עס גיט אַזש אַזאַ טיפן שניט אין האַרצן.

וועל איך אים צוזאַם מיט די טויזנטער יידן, וואָס האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו, מלווה־זיין פון דאָ און נאָכזאָגן אַ מקצת שבחו בפניו.

פון מלאַווע, פונם קליינעם יידישן שטעטל אין פוילן, איז ער מיט קנאַפּע 50 יאָר צוריק געקומען קיין ניו־יאָרק און דערגרייכט דאָרט דאָס גרעסטע וואָס אַ שטערבלעכער מענטש קאָן דערגרייכן — רום און אומשטערבלעכקייט.

ווי אַ יונגער מענטש איז ער שוין געווען דער באַרימטסטער אין דער יידישער ליטעראַטור, און מיט יעדן יאָר, מיט יעדן זיין ניי־דערשינענעם בוך, מיט יעדן געשעעניש אין יידישן לעבן, איז אַלץ קלאָרער געוואָרן זיין פאַרנעם — זיין יידישלעכע פאַרוואָרצלטע מקורותדיקייט, זיין טיף־מענטשלעכער אינערלעכער מהות — און זיין געזיכערטער פּלאַץ אין אונזער דור־דורותדיקער שעפערישקייט.

ברייט און הויך און שטאַרק האָט ער זיך צעוואַקסן אין דער נייער היים; אַלץ וואָס די גרויס־שטאָט קאָן אַ יונגען מענטשן געבן און אים אויסשטאַטן האָט ער אויפגענומען אין זיך, איינגעזאַפּט אין זיין יידיש בלוט, אָנגעגורט זיינע לענדן דערמיט, אָבער מיט אַלע זיינע וואָרצלען איז ער געבליבן אַ טיף פאַרוואָרצלטער אין זיין היימישער ערד.

מיט זיין אָפענעם באַנעם, מיט זיין ברייטן זשעסט, מיט זיין פלינקער העויה, מיט זיין יעטוועדן ניואַנס אין זיין אופן ריידן האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אָט־אָ קומט ער אָקאָרשט אָן פון זיין טאַטע־מאַמעדיקן שטעטל, פון מלאַווע.

און ווי האָט ער עס ליב געהאַט, דאָס יידישע שטעטל, און ווי האָט ער גערעדט דערפון, מיט פולן מויל און מיט נאָך פולערן האַרץ, און ווי האָט עס שבת־קודשדיק אַרויסגעלויכטן — מיט דער גאַנצער עניוותדיקער שיינקייט און צניעותדיק־פאַרשייטער ליבלעכקייט — פון זיין קלענסטער און פלינקסטער דערציילונג.

זיין שטעטל מלאַווע האָט אים מאַמעדיק באַגלייט זיין גאַנץ לעבן, קיינמאָל נישט צורו־געלאָזן, אים מלווה געווען ביז צו זיין אייביקער רו.

יאָ, נאָר אַז מען איז אַזוי טיף און אַזוי פעסט פאַרוואָרצלט קאָן מען זיך אַזוי הויך און אַזוי ברייט אַ צעוואַקס טון.

* געלייענט אויפן אָפּאַטאָשו־טרויער־אָװנט, איינגעאָרדנט דעם 30־טן אָקטאָבער פון די דריי קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין לאָנדאָן: יידיש וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, זשורנאַליסטן און שרייבער פאַראיין און פריינט פון יידיש לשון. עס האָבן געהאַלטן רעפעראַטן א. מ. קייזער, מיכאל זילבערבערג. דעם פאָרזיץ האָט געפירט פריינט פּאַדאַלסקי.



די זאַפטיקייט פון זיינע ערשטע ניו־יאָרקער דערציילונגען, פון זיינע אַמעריקאַנישע יידישע טיפּן, שמעקט מיט היימישער זשיוויעצע; זיי זיינען געשניטן און פיין געטעסעט פון פרישן סאָסנאָווע האָלץ, די קאַנטיקע פנימער און די האַרטע שטערנס פאַלדעווען זיך ווי פון זון־פאַרשרפהטע, טרוקענע שטיקער קאָרע און די אויגן גלאַנצן קאָסאָקע אַרויס, ווי די סענקעס.

און נישט נאָר האָט ער זיינע ערשטע טיפּן — די ערשטע יידישלעכע און עכטע אַמעריקאַנער טיפּן — געשניצט און געשניטן פון זיינע היימישע סאָסנעס און שמעקעדיקע ליפּעס און דעמבעס, נאָר דעם גאַנצן היימישן וואַלד האָט ער פאַרפלאַנצט און געלאָזן שפּע׳דיק און רחבותדיק אויפגיין אויף דער נייער פרעמדער ערד.

ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט זיינע יונגע שטאַרקע כוחות און ער האָט עס דערגרייכט ווי קיינער פאַר אים.

און אינם שירהדיקן רויש פון זיין זאַפטיקן שמעקעדיקן וואַלד האָבן זיך „די יונגע" — די פאַרוואָגלטע, די באַפליגלטע — מחנותווייז געזאַמלט, זיך גע׳זונ׳ט אין זיין שאָטנדיקער ברייטקייט; צווישן די צווייגן נעסטער געבויט, און דער אָרקעסטער פון אונזער יונגער דיכטונג האָט זיך איבער דער גאָרער וועלט אַזוי וווּנדערלעך צעהילכט.

און נישט נאָר „די יונגע" אין אַמעריקע — אונזער נייע פּאָעזיע און פּראָזע אין אַלע אונזערע שעפערישע ישובים.

ער, יוסף אָפּאַטאָשו, איז געווען דער דעמבענער בריח־התיכון פון אונזערע יונגע אויפגייענדיקע כוחות פון אונזער שעפערישן דור. ער האָט געטראָגן די אחריות און מען האָט אים געגלויבט און מען האָט זיך פאַרלאָזן אויף אים. מען האָט זיך געפילט באַשיצט פון זיין שרייבערישן געזונטן כוח און פון זיין יידישלעכער מענטשלעכקייט.

מיט זיין כאַראַקטער־פעסטקייט, מיט זיין טיפער איינגעוואָרצלטקייט, מיט זיין ברייטן פאַרנעם און שטעל, מיט זיין נאַטירלעכן ראַזמאַך און בראַוור איז ער געווען דעם ערשטן צענדליק יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה דער פעסטער מאַסטבוים אין אונזער וואַקלדיקער שיף. אַלע ווינטן האָט ער אויפגענומען און געזאַמלט אין אונזערע געלאַטעטע זעגלען, זיי איינגעשפּאַנט און די שיף צוגעפירט צו אַ זיכערן ברעג.

דער אומדערמידלעכער אַרבעטס־חשק, ממש תאוהדיק, און דער אויסדויער אין דעם שעפערישן התלהבות! אין אַלע זיינע אַרבעטן איז דאָ די ליידנשאַפטלעכע זיך אַדורכזעצנדיקע יידישע פּאָטענץ און אַנאַליטישקייט פונם איינגעעקשנטן יידישן שכל. זיינע זאַפטיקע סקיצן און קורצע דערציילונגען זיינען די צייטיקע פירות פונם אייביק זריעהדיקן עץ־הדעת.

קיינמאָל ווערט ער נישט פאַרטיק מיט דעם אדם־וחוה־פּראָבלעם! עס ציט אים תמיד צוריק אינם גן־עדן אַריין צום בוים פון אייביקן לעבן.

די פרויען ביי אים גייען נאָך אָנגעטון אין די לענדן־גאַרטלען, פלינק אויפגענייט פון די שמעקעדיקע פייגנבוימער־בלעטער...

ביי זיין בליציקער ווירטואָזיטעט און טעכנישער לייכטקייט, אַ פּרעסע־מענטש אינם מאַשינען־גערויש פון ניו־יאָרק — כאָטש „פּרעס אַ באַטן" און אַ דערציילונג פאַלט אַרויס! אָבער דאָס ערד־געבונדנקייט האָט גובר געווען; די גרויסע אחריות פאַרן יידישן וואָרט און פאַרן יידישן נוסח האָט גבורהדיק געפאָרמט דאָס טאָג־טעגלעכע־טעמאַטישע; די נייע יידישע סיטואַציע זיך פאָרמענדיק האָט געפאָרעמט זיין סטיל — ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם נסיונות־נסימדיקן פון יידישן לעבן.

זיינע דערציילונגען, האַרבלעך זיסע זאַפּטיקייטן פון אונזער פאַרצווייגטן שטאַם־בוים. יוסף אָפּאַטאָשו האָט יונגע ליבשאַפט ווידער טיף איינגעשניטן אין זיין שוין אויסגעטרוקנטער האַרטער קאָרע.

זיין רעאַליסטישע פּאַטעטישקייט און זיין מיסטישער נאַטוראַליזם פלעכטן זיך צונויף ביי אים, ווי באַגילדעטע ביימער־שפּיצן אין אַ ווונדערלעכן זון־פאַרגיי, ווען די שטאַמען שטייען שוין געהילטע אין טונקעלן בין־השמשות שלייערן — צווישן די פינסטערע געדיכטע קזשאַקעס באַווייזט זיך יענער ווונדערלעכער הר־המוריה באַראַן מיט די צעשטראַלטע הערנער...

און ער איז געבליבן אַזוי ביז אין זיינע לעצטע יאָרן, ביז אין זיינע לעצטע טעג. ווי געוואַלטיק האָט אונזער טראַגעדיע אין אים געאַרבעט און ווי גרויס האָט ער זי פאַראַרבעט אין דער קלענסטער נאָך פון זיינער אַ דערציילונג.

זיין שטעטל מלאַווע האָט ער מלווה געווען צו אייביקער מנוחה „תחת כנפי השכינה".

ווי אַ וואָרעם וואָס אַרבעט אין אַ בוים, וואָס טאָשעט אים, וואָס וויל אים אויסהוילן, האָט די טראַגעדיע אונזערע אין אים געאַרבעט. אָבער וואָס מער עס האָט אים געפרעסן און זיין האַרץ אויפגעגעסן, אַלץ מער האָט עס פון אים אַרויסגעלויכטן — אַ ליכטיקייט וואָס גייט אויף פון אַן אַלטן פינסטערן וואַלד!

יוסף אָפּאַטאָשו — אַ גרויסער שר פון אונזער ליטעראַטור — ער איז געפאַלן ווי אַ סאָסנע וואָס פאַלט פלוצלינג פון אַ שאַרפער האַק, ווי אַ דעמב פון אַ בליץ פון הוילן הימל אַראָפּ.

זיין מסירות־נפשדיקער גלויבן אינם יידישן פאָלק, אין זיין גרויסע ליבשאַפט איז אים בייגעשטאַנען, אַז אײדער נאָך עס איז יצאה נשמתו בטהרה — אין טאָג פון יום כפור, אַוועקגעריסן אינמיטן זיין גרויסע עבודה — זאָל ער האָבן פאַרטיק געמאַכט זיין „רבי עקיבא" ראָמאַן.

דאָס צימצומדיקע פון ערלעכן נישט געקינצלטן וואָרט און די קאָנצעפּציע פון יידישע אחריותקייט, וואָס האָבן טיף געוואָרצלט אין אים, האָבן געוואַקסן פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל און דערגרייכט מיט דער מאָנומענטאַלקייט דעם שפּיץ און די קרוין פון יידישער שעפערישקייט.

דעם רבי עקיבא מאָנומענט — אינם הייליקן שאָטן פון שטיל־טריפנדיקן, זאַפטיק תפילהדיקן בוים! — פייגנבוים! — האָט ער זיך אין לעצטן מאָמענט נאָך געשטעלט אַ מצבה צוקאָפּנס אויף זיין פרישן קבר און זיין רום וועט איבערגיין אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק.



דר. יעקב י. מייטליס

# אַפּאַטאָשו, דער דערציילער

(אַ בינטל געדאַנקען וועגן זיין סטיל און ווערק)

נישט יעדן, וואָס האָט עפּעס צו זאָגן, איז תמיד באַשערט צו קענען שרייבן, צו קענען אַריינגיסן זיינע מחשבות און געפילן אין אַ קינסטלעריש־רייפער פאָרם. וואָרים, וואָרט־קונסט הייסט נישט נאָר קענען מצרף זיין אות צו אות, שורה צו שורה, צונויפבינדן אַ זאַץ מיט אַ זאַץ, נאָר טאַקע אין דעם אַלעם אַריינבלאָזן אַ רוח־חיים, שאַפן פון געדאַנק און פאָרם אַ לעבעדיקע איינהייט, אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט. שרייבן, וואָלט איך געזאָגט, הייסט קודם כל באַהערשן די מאַטעריעלע מיטלען פון אויסדרוק און פאָרם, קענען אין זיך באַקעמפן דעם אינעווייניקסטן כאַאָס פון עמאָציעס און מחשבות און אַריינטראָגן אין דער דאָזיקער וועלט אַ סדר און אַ סיסטעם. אמתע קונסט ווערט נאָר דאָרט געבוירן, וווּ דער שאַפערישער מענטש איז ביכולת זיך מתגבר צו זיין איבער די אינעווייניקסטע סתירות, דעם אייגענעם טראַגישן פּאַטאָס, און אין זיך דאָס אַלץ צו לייטערן און צו סובלימירן. די טעכניק פון דער שפּראַך־פאָרמונג דערהויבט ערשט די וועלט פון געפיל און אומרו צו דער מדרגה פון קונסט, מאַכט דערפון אַ גאַנצע, שלימותדיקע כלי.

לכן, מיינט שרייבן טאַקע קינסטלערישע געשטאַלטונג פונם געטראַכטן וואָרט, אויספאָרמונג פונם אַבסטראַקטן געדאַנק און אים אָנטון אַ „מענטשלעכן" לבוש. טאָר מען אָבער נישט פאַרגעסן, אַז קינסטלערישע געשטאַלטונג הייסט אויך באַגלייך באַצווינגען די אייגענע שפּראַך, זי באַהערשן ממש ווי אַ גוטער פידלער באַהערשט זיין אינסטרומענט, זי לייטערן און האַמערן, און דורך איר אויסהאַקן נייע ליכטיקע וועגן פאַר דעם צעשטראַלטן צאַפּלדיקן געדאַנק.

אָט די געדאַנקען קומען מיר אויפן זין, בשעת איך טראַכט וועגן אָפּאַטאָשו דעם דערציילער און קינסטלער. איך ווייס נישט, ווי גיך אָפּאַטאָשו האָט געשריבן, אָבער איך בין כמעט זיכער, אַז שרייבן איז אים נישט אָנגעקומען לייכט. שרייבט זיך דען בכלל לייכט? אפשר נאָר יענע, וואָס האָבן גאָרנישט צו זאָגן. פאַר אָפּאַטאָשון אָבער, ווי בכלל פאַר יעדן גרויסן קינסטלער, איז יצירה געווען אַן עבודה, אַ הייליקע אויפגאַבע, צו וועלכער ער האָט זיך תמיד לאַנג געגרייט. אויף דעם זאָגן עדות הן זיינע קורצע דערציילונגען ווי זיינע גרויסע ראָמאַנען. ער איז בעצם געווען אַ סאָלידער שרייבער, אַ מענטש מיט אַ גרויסער התמדה, תמיד געזעסן און געאַרבעט, געזוכט און געפאָרשט. שרייבנדיק זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען, האָט ער יאָרנלאַנג געזאַמלט פאַקטן, צונויפגעטראָגן אַ ציגל צו אַ ציגל ביז זיין בנין איז געווען פאַרטיק. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַוועקגעשטעלט אַן אימפּאָזאַנטע געביידע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם פונם באַשויער. ווער עס האָט אַן אויג פאַר דער אַרכיטעקטאָניק פון אָפּאַטאָשוס

ווערק, זעט בחוש זייער אויפבוי, דאָס געזעץ פון זייער אינעווייניקסטער האַרמאָניע. דאָ שמעקט נישט נאָר מיט קינסטלערישן רוח־הקודש, פון זיין באַהעפטונג מיט דער „געטלעכער״ מוזע, נאָר עס איז שווערע, מאָזאָליסטע אַרבעט פון געשטאַלטונג און פאָרמונג, פון באַצווינגען געדאַנק און פאָרם און מאַכן דערפון אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט. יעדעס וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון זיין קינסטלערישער קוזשניע איז ווי אויסגעהאַמערט, איז ריין און האָט אַ קלאַנג. יעדער זאַץ זיינער איז געשליפן, יעטוועדע שילדערונג איז גערייניקט אינם פריזמאַט פון זיין קינסטלערישן חזיון.

אַלס פראָזאַאיקער איז אָפּאַטאָשו געשטאַנען אינם סאַמע אויבנאָן פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור. זיין סטיל איז כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר פאַר זיין קינסטלערישער פערזענלעכקייט. שאַרף, קאַנטיק, — אַ שטיק גראַניט. אין זיין שפראַך־צמצום, אין זיין אָפּט כאַראַקטעריסטישן ווערטער־אָפּקלייב, דערפילט איר דעם זאָרגעוודיקן סטיליסט אָפּאַטאָשו, וואָס באַציט זיך מיט אַזוי פיל אחריות און אמתדיקער יראת־הכבוד צו דעם אַרויסגעזאָגטן וואָרט. ווי די פערזאָן פונם קינסטלער, אַזוי זענען אויך זיינע ווערק: דינאַמיש, פול מיט אימפעט און באַוועגונג. זיין לשון איז דערפאַר קרעפטיק און פולבלוטיק־ערדיש, וואָס אָטעמט מיט די געזונטע ריחות פון פעלד און וואַלד. זיינע שילדערונגען — רייך און פילפאַרביק, פריש און צאַפלדיק, זענען באַהערשט פון זיין וויטאַלן לעבנס־ריטם.

ציט טאַקע אָפּאַטאָשו זיין שפראַך־יניקה פון דעם דורות־אַלטן יידישן קולטור־אוצר. שרייבנדיק זיינע גרויסע היסטאָרישע ראָמאַנען, האָט אָפּאַטאָשו געזוכט זיך צו דערגרונטעווען צו די סאַמע שרשים פונם יידישן עבר און פון דאָרט געשעפט מיט פולע הענט. ווו אַ קער און ווו אַ ווענד, איר דערשמעקט אָפּאַטאָשון דעם תלמיד־חכם, דעם געלערנטן, וואָס וועבט פלייסיק זיין רייכן אוצר מיט וויסן אין דער גרויסער קאַנווע פון זיינע היסטאָרישע געשטאַלטונגען. ער באַהערשט דאָס וואָרט מיט אַ גרויסער ווירטואָזיטעט, ער איז ממש זיין סוווערענער מייסטער. זיינע ווערטער און אויסדרוקן וואָרצלען טיף אין דעם פעטן באָדן פונם יידישן עבר, און אָפּגעפרישטע פונם שטויב פון יאָרהונדערטער, צעבליִען זיי זיך פונדאָסניי אין אָפּאַטאָשוס פראָזע, באַקומען ווידער זייער אַמאָליקן עכטן קלאַנג און זייער פאָלקסטימלעכן חן און זאַפטיקייט. און ווי ביי יעדן גרויסן קינסטלער, האָט אויך אָפּאַטאָשוס פראָזע אַדורכגעמאַכט גאָר אַן אינטערעסאַנטע, באַרג־אַרויפיקע אַנטוויקלונג. אין משך פון זיין לאַנגען שאַפונג־פראָצעס האָט ער זי פאַרטיפט און פאַרפיינערט, זיין סטיל איז געוואָרן רייכער און יוסטער. איז דאָ ביי אים המשך נישט נאָר אין זיין קינסטלעריש־אידעאישן וועלט־אויסקוק, נאָר אויך אין זיין שפראַך. ער רעדט מיט דער שפראַך פון זיינע רויע ניו־יאָרקער העלדן און באַגלייך מיט דעם מקובלים־לשון פון אַ ר׳ מענדעלע פון קאָצק. אָט איז דער אַלט־יידישער אידיאָם פון אַ ר׳ אליהו בחור פונם 16־טן יאָרהונדערט, און שוין רעדט ער ווידער מיט דער שפראַך פון ר׳ עקיבאַן און זיין צייט. עס איז דורות־אַלטע טראַדיציע, וואָס ער



האָט אין זיך איינגעזאַפט, המשך אין זיין ריינסטער פאָרם, וואָס אָפּאַטאָשו האָט געשטרעבט אָנצוהאַלטן מיט אַלע זיינע רמ״ח־אברים.

איז טאַקע אָפּאַטאָשוס שאַפערישער גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור געווען אַן אינטערעסאַנטער ביז גאָר. אין זיינע ראָמאַנען, מער ווי אין זיינע דערציילונגען, זעען מיר אַ סך בולטער זיין וואַנדערן איבער די יידישע צייטן און וועלטן. עס איז אַ מהלך רב, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין גאַנג פון זיין שאַפונג. דער וועג הויבט זיך אָן פון דער סאַמע קאָכיקער אַמעריקאַנער קעגנוואַרט, ציט זיך באַלד דערנאָך צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט פון די פוילישע וועלדער, פון דאָרט איבער דעם יידישן מיטלאַלטער קיין רעגנסבורג און צו דעם פאָעט און בעל־מדקדק ר׳ אליהו בחור. ווייטער ציט זיך אָט דער וועג צו די אַלטע צייטן פון יידישן קאַמף און אויפשטאַנד אונטער בר־כוכבאן און ווידער צוריק צו אונזערע טעג פון פיין און אומקום („ווען פוילן איז געפאַלן״). דער קרייז האָט זיך געשלאָסן. אָפּאַטאָשו האָט דערפילט זיין קינסטלערישע שליחות.

* * *

אין דער טעמאַטיק פון אָפּאַטאָשוס צוויי גרויסע היסטאָרישע ראָמאַנען „אין די פוילישע וועלדער״ און אין „דער לעצטער אויפשטאַנד״ איז קונציק אַריינגעוועבט דער מאָטיוו פון יידישן המשך. דאָס וויל ער אונז כסדר לאָזן הערן, ביודעים או בלא־יודעים, דירעקט אָדער אומדירעקט. עס איז אַ מין אָנזאָג לדורות. עס איז פאַראַן, לאָזט אָפּאַטאָשו אונז וויסן, המשכדיקייט אין אונזער לעבן און המשכדיקייט אין אונזער לאַנגען, היסטאָרישן גאַנג. דער היינט איז אידענטיש מיטן נעכטן, זיי זענען בעצם איינס, ווייל משמעות אָן דעם נעכטן איז דאָך דער היינט נישט מעגלעך. זענען טאַקע קאָצק, רעגענסבורג און בני־ברק („דער לעצטער אויפשטאַנד״) נאָר שטאַפלען, נאָר סטאַנציעס אויף דעם זעלביקן דורות־אַלטן וועג, וואָס פירן צום קיום פון פאָלק. אליבא דאמת, איז ר׳ מענדעלע פון קאָצק גאָרנישט עפעס אַנדערש אויסן ווי ר׳ עקיבא, דער גדול־הדור פון בני־ברק. זיי ביידע זענען רינגען אין דער גרויסער קייט פון דער יידישער פאָלקס־אידעע. ביידע שטייען זיי אויף יענער הימלדיקער לייטער, וואָס אונזער פאָטער יעקב האָט געזען אין חלום אין בית־אל, וואָס מיט אירע פיס שטייט זי פעסט אויף דער ערד, אָבער איר שפיץ גרייכט אין די הימלען אַריין.

אָבער המשך אַליין אַלס אַן אַבסטראַקטע לאָזונג פאַרן קיום פון פאָלק איז נישט גענוג. המשך איז נאָר אַ פונקציע, אָבער נישט קיין אַקציע, קיין דינאַמישער פראָצעס אין דער פאָלקס־דערהאַלטונג. ער איז גיכער, וואָלט איך געזאָגט, אַ פאַסיווע, ראָמאַנטישע בענקעניש, אָפט אומרעאַל און פאַרבלאָז. דאָס איז אָבער אָפּאַטאָשו נישט גורס. ער, דער דינאַמיקער, וואָס לעבט ווי זיינע העלדן מיט בלוט און אַקציע, מיט באַוועגונג און ראַנגלעניש, גלויבט אין באַפרייענדיקע מעשים. המשך מוז זיין פאַרבונדן מיט דער שטרעבונג צו גאולה.

דער ווילן און קאַמף פאַר גאולה מוז דערפאַר פאַרויסגיין דעם המשך־באַוווסטזיין. אויב נישט גאולה, דערלייזונג סיי פונם יחיד און סיי פונם כלל, בלייבט „המשך“ אַ הוילער באַגריף. וואָס וועט מען ממשיך זיין און מיט וועמען? דערפאַר טאַקע איז דער גאולה־געדאַנק געוואָרן דער צענטראַלער געדאַנק אין אַפּאַטאָשוס ווערק. ער האָט אים אַזוי קונציק אַריינגעוועבט אין זיינע „פּוילישע וועלדער“ און שפּעטער ווידער אַמאָל אין „דער לעצטער אויפשטאַנד“.

אין „די פּוילישע וועלדער“ פּרוווט אַפּאַטאָשו מיט אַ סך קינסטלערישער געניטקייט מזווג צו זיין די פּוילישע באַפרייאונגס־אידעע מיטן יידישן משיח־אידעאַל, וואָס איז בעצם אוניווערסאַל און אייביק. ר׳ מענדעלע קאָצקערס רעוואָלט קעגן אַ וועלט פון גייסטיקע שנאָרערס, קנעכט מיט גראָשנדיקע נשמות, וואָס באַנוגענען זיך נאָר מיט שיריים און האָפן אויף אַ ביסעלע חיישעה, וואָס האָבן אָבער פאַרלוירן די טיפע, באַהויכטע אמונה אין דער גייסטיקער ווידערגעבורט און אין אמתער גאולה פון פאָלק, איז געוואָרן בעצם אַ טיפע אינספּיראַציע פאַר דעם הויפּט־העלד אַפּאַטאָשוס, מרדכי. נאָכן טויט פון אָט דעם מורד־רבין, בשעת דאָס יידישע קאָצק איז איינגעהילט אין אַ שטימונג פון אומעט און מרה־שחורה, לאָזט זיך מרדכי אַרויס אין דער וועלט קעמפן פאַר נייע אידעאַלען, פאַר פּוילנס באַפרייאונג. האָפט ער אַזוי אַרום אין שטילן צו ברענגען אויך די גאולה פאַר דעם פאַרפּייניקטן און יסורימפולן יידישן פאָלק.

אַזוי זעט אויך דער פלאַמיקער פּאַטריאָט, דער געניאַלער מנהיג הדור ר׳ עקיבא („דער לעצטער אויפשטאַנד“), אַז יידישער המשך און קיום קען גאָרנישט געמאָלט זיין אָן דער באַפרייאונג פונם רוימישן יאָך. מיינט דאָך יידישע גאולה אויך דערלייזונג פון דער וועלט.

* * *

האָט זיך אַפּאַטאָשו אין די בלוטיקע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געלאָזט עולה־רגל זיין קיין פּוילן, זוכנדיק דאָרט, אין דער היימישער, פעטער סביבה פון די ליפּאָווער וועלדער, פון קאָצק און שפּעטער פּאַריז („1863“), זיין נאַציאָנאַלן און קינסטלערישן תיקון, אַזוי האָט ער כמעט דרייסיק יאָר שפּעטער, אין דער אימהדיקער צייט פונם חורבן פּוילן, זיך אַוועקגעלאָזט אויף די וועגן און שטעגן פון ארץ־ישראל, כדי דאָרט צו געפינען דעם תיקון פאַרן פאַרפּייניקטן פאָלק אינם העלדישן באַפרייאונגס־קאַמף פון בר־כוכבאן. אַפּאַטאָשו האָט איצט געמאַכט אַ ריזיקן שפּאַן פון קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר און גענומען אָטעמען מיט דער ריינער, באַהויכטער לופט פון ארץ־ישראל, מיט זיינע אַמאָליקע מענטשן און ווייטע געשעענישן. עס איז אַ מהלך וועג אויף זיין היסטאָרישן גאַנג צוריק אַהיים. אויך דאָ, ווי אין „די פּוילישע וועלדער“ האָט אים פאַרכאַפּט די דינאַמיק פון אַן עפּאָכע, וואָס איז געווען פול מיט אויפברויז און געראַנגעל. די לופט איז געווען שווער, אָנגעלאָדן מיט שטורעם און מרידה. דאָס האָט געוואַלטיק גערייצט אַפּאַטאָשוס שטאַרקן קינסטלערישן אַפּעטיט און אים געשטויסן צו זיין נייער יצירה. אויף דער גרויסער היסטאָרישער קאַנווע,



וווהין ער האָט מייסטעריש אַריינגעפלאָכטן אידעען און באַוועגונגען, פּערזענלעכקייטן און קאַמפן, האָט ער מיט זיין קרעפטיקן, איינגעהאַלטענעם רעאַליזם אַרויסגעכשופט אַ העראָאישע תקופה אינם לעבן פון פאָלק, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, ווי אונזער היינטיקע צייט, מיט אירע זעלישע אויפטרייסלונגען און דראַנג נאָך פרייהייט. מיט זיין פיינעם קינסטלערישן חוש האָט אַפּאַטאָשו אין זיין ראָמאַן אַרויסגעשפּירט דעם פיבער פון דער צייט און אונז געוויזן, ווי דער אָנגעזאַמלטער מעשים־פּאָטענציאַל פון אַן אויפגעשטורעמטער תקופה ווערט אַקטואַליזירט.

אַפּאַטאָשו האָט פאַרבונדן דעם נעכטן מיטן היינט, אין האַנדלונגען און אין רעדעס פון די העלדן האָט ער אָנגעוואָרפן פּאַראַלעלן צווישן דעם אַמאָל און איצט, אַזוי אַז דער ראָמאַן איז באַגלייך געוואַלטיק אַקטועל. איר פילט אין אים דעם הייסן אָטעם פון דער צייט. עס איז אַ רייף ווערק, געשריבן פון אַ גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט. עס איז רייך אין פּאַסירונגען און צייט־געשטאַלטן און אַלץ איז געמאָלן מיט אַ סך קאָלאָריט און שטימונג.

פאַר דער היינטיקער גורלדיקער צייט אינם לעבן פון פאָלק, האָט אַפּאַטאָשו געזוכט צו געפינען אַן ענטפער אויף דער מאַטערנדיקער פראַגע וועגן ווייטערדיקן קיום און דער דערהאַלטונג פון אונזער גרויסער גייסטיקער ירושה. אפשר האָט ער אונז טאַקע געוואָלט לאָזן הערן זיין ענטפער אינם ערנסטן שמועס פון ר׳ עקיבאן, די נשמה פונם אויפשטאַנד, מיט זיינע צוויי יונגע, איבערגעבענע תלמידים, יהושע און פּאַפּיאַס. די דאָזיקע האַרבע מסכת הייסט טאַקע ביי אַפּאַטאָשון — מתן תורה צי יציאת מצרים (קאַפּיטל 41). דאָרטן לאָזט אַפּאַטאָשו ר׳ עקיבאן זאָגן: „וואָס וואָלטן מיר געווען אָן מתן־תורה? נאָך אַ מואב? נאָך אַן עמון?...“ בכן, דער טראָפּ ליגט אויף מתן־תורה, אויף דער דערהאַלטונג פון דער גייסטיקער ירושה פאַרן קיום פון פאָלק. אָבער, גיט ר׳ עקיבא צו, און מיט אים אַפּאַטאָשו, „אַז ס׳לאַנד שטייט אין קאָן, דאַרף מען ראַטעווען ס׳לאַנד...“ אין דער אמתן איז אינם לעבן פון אַ פאָלק נישט פאַראַן קיין מוקדם ומאוחר, קיין פריער און קיין שפּעטער. עס איז דער אַלטער כלל: אורייתא וישראל חד הוא. דאָס פאָלק און זיין לערע גייען תמיד האַנד אין האַנד. די גאולה פון פאָלק איז באַגלייך די גאולה פון זיינע אָנגעזאַמלטע גרויסע, גייסטיקע ווערטן.

אָקטאָבער, 1954.


אין יידישן ארבערטער-רינג, עלי סטריט, א.1
זונטאג, דעם 14־טן נאוועמבער, 3.30
אן אפאטאשו טרויער אוונט
די רעדע וועט האַלטן
דר. יעקב י. מייטליס
לייענען פון אַפּאַטאָשו׳ס ווערק: זעליק עפּעלבוים. פאָרזיץ: י. מינדעל.

י. אַפּאַטאָשו

# מאיר באַלאַבאַן

## (טעג אין דער וואַרשעווער געטאָ)

דערציילונג

1.

אַן אָפענער אויטאָמאָביל האָט זיך געדרייט צווישן איינגעפאַלענע מויערן, זיך געדרייט צווישן חורבות, ווו דאָ איז געבליבן שטיין אַ שטיק וואַנט, דאָרט — אַ שטיק וואַנט.

דער יוני נאָכמיטאָג איז פול געווען מיט רויך, איז פול געווען מיט עיפוש־ריחות. דער רויך האָט זיך געטראָגן פון די טליענדיקע חורבות, די עיפוש־ריחות — פון די בערג מתים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַרום די איינגעפאַלענע הייזער.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געדרייט פון גענשע אויף סמאָטשע, פון סמאָטשע אויף דזשיקע, פון דזשיקע אויף באַניפראַטערסקע.

מיט אַ חודש קריק זיינען דאָס נאָך געווען די גרענעץ־גאַסן פון דער וואַרשעווער געטאָ. היינט — קיין גאַס, קיין מויער, קיין מענטש. ווו אַ קער — אָנגעשאָטענע חורבות, וואָס רויכערן, ווי נאָך אַ פייערדיקער ערדציטערניש, וואָס האָט אַלץ אויפגעריסן און איינגעשלונגען.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפגעשטעלט.

האַנס וואורצל, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער יידישע ביבליאָטעקן, איבער יידישע מוזיי־זאַכן, איז דער ערשטער אַרויס פונם אויטאָמאָביל. נאָך אים — פראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן.

באַלאַבאַנס ברייטע פלייצעס — געבויגן. ס׳נאַפּאָלעאָנישע בערדל מיט די פוילישע וואָנצעס — גרוי און צעפּאַטלט. און ס׳פנים — פאַלדן, פעלדלעך, קנייטשן און בראָדעווקעס — האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלטע, אָפגעריבענע מאַפּע.

מיט אַ יאָר פופצן צוריק האָט האַנס וואורצל, אַ פאַרפוילישטער דייטש פון לאָדזש, גלערנט געשיכטע ביי באַלאַבאַנען. דעמאָלט האָט ער ניט געהייסן וואורצל, נאָר וויערזשינסקי. נאָכן ענדיקן דעם אוניווערזיטעט איז וויערזשינסקי דאָרט פאַרבליבן, האָט געלייענט לעקציעס איבער געשיכטע. ער איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו באַלאַבאַנען.

גלייך ווי פוילן איז געפאַלן איז וויערזשינסקי געוואָרן אַ „פאָלקס־דויטשע". דעם נאָמען וויערזשינסקי האָט ער קריק געביטן אויף וואורצל. מיט די פוילישע חברים און באַקאַנטע האָט ער איבערגעריסן. איין אויסנאָם איז דווקא געווען דער ייד באַלאַבאַן. און אַז וואורצל איז געוואָרן דער אויפזעער איבער קאָנפיסקירטע יידישע ביבליאָטעקן, איז באַלאַבאַן געווען דער וואָס האָט געטאָן די סאָרטיר־אַרבעט. באַלאַבאַן האָט אויך פאַר וואורצלען געשריבן אַ מאָנאָגראַפיע אין דייטש: „די געשיכטע פון יידן אין וואַרשע".



אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן איבער אַ יאָר. וואורצל האָט טאַקע געהאַט צו זאָגן איבער באַלאַבאַנען. ס׳איז אָבער אַלץ געווען די באַציאונג פון אַ סטודענט, וואָס איז אַריבערגעוואַקסן דעם געוועזענעם פראָפעסאָר. מיט אַמאָל האָט זיך די באַציאונג אינגאַנצן געענדערט. באַלאַבאַן איז מער ניט געווען קיין שיק־יינגל, וואָס נעמט באַפעלן, נאָר אַ „יודע", וואָס פילט אויס באַפעלן און שווייגט.

האַנס וואורצל איז געגאַנגען אויף אַפריער. מאיר באַלאַבאַן — נאָך אים. דאָס האָט וואורצל געפירט באַלאַבאַנען, געפירט דעם יידישן היסטאָריקער, אים געוויזן וואָס ס׳איז געוואָרן פון דער וואַרשעווער געטאָ.

אַזוי האָט טיטוס געפירט יאָזעפוסן, אים געוויזן חורבן ירושלים. טיטוס אָבער האָט זיך געפילט שולדיק, זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן פאַר יאָזעפוסן, אַז ניט ער האָט געהייסן פאַרברענען ס׳בית־המקדש. טיטוס האָט גערעדט צו יאָזעפוסן, ווי צו אַ חבר, אים געפרעגט צי ער וויל עמעצן ראַטעווען פונם חורבן. און אַז יאָזעפוס האָט געבעטן ביי טיטוסן זיבן ספרי־תורות און זיבן געפאַנגענע יידן, האָט טיטוס אים געגעבן זיבעציק ספרי־תורות און זיבעציק געפאַנגענע יידן.

און ער, באַלאַבאַן?

ניט וואורצל פרעגט ביי אים עפעס און ניט באַלאַבאַן בעט ביי אים עפעס.

זיי גייען צווישן די חורבות, צווישן די מתים, און רעדן ניט צווישן זיך.

בלויז איין מאָל, ווען זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין דרייען פון דער דזשיקע אויף באַניפראַטערסקע, האָט וואורצל אָפגעשטעלט באַלאַבאַנען, וואָס האָט זיך קוים געשלעפט אין זיינע צעפאָרענע שיך מיט שטריקלעך אָנשטאָט שנוראָוואַדלעס. זיי זיינען געשטאַנען פאַר אַן איבערגעבליבן שטיק וואַנט, ווו אונטער אַ שוואַרצן פיר־עקיקן פלעק איז געהאָנגען אַ סאַמעטענער אָפגעריבענער טלית־זאַק. וואורצל האָט געוויזן אויפן שוואַרצן פיר־עקיקן פלעק:

— וואָס איז דאָס?

— אַ „זכר לחורבן".

— חורבן ירושלים?

ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, צי באַלאַבאַן האָט געענטפערט, צי ניט. ס׳פנים איז געבליבן פאַרשטיינערט ווי פריער. וואורצל האָט זיך ניט איבערגעפרעגט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ בייזער:

— ווי האַלסטו מיט דער מאָנאָגראַפיע?

— אַ דריי פערטל פונם בוך איז שוין אָנגעשריבן.

— כ׳וויל, זאָלסט אָנשרייבן ס׳לעצטע קאַפיטל, דאָס פאַלן פון דער וואַרשעווער געטאָ — האָט וואורצל געוויזן מיט דער האַנט אויף די חורבות, געציילט בשעת־מעשה די ווערטער און געקוקט וואָס פאַר אַ רושם דאָס וועט מאַכן אויפן פראָפעסאָר.

די ווערטער זיינען געבליבן ליגן צווישן די פאַלדן און פעלדלעך פון באַלאַבאַנ׳ס פנים. ער האָט רואיק געענטפערט:

— כ׳וועל אָנשרייבן, הער וואורצל.

— ווי לאַנג וועט עס ביי דיר נעמען?

— דריי טעג.

— וואָס איז היינט, מיטוואָך? — האָט וואורצל גענומען ציילן אויף די פינגער — דאָנערשטיק, פרייטיק, שבת . . . קריגסט דריי טעג . . . און דאָס אָנגעשריבענע קאַפּיטל וועסטו שבת אָוונט פאָרלייענען אין בעלוועדער.

— כ׳הער, הער וואורצל.

— און ביים שרייבן זיי וואָס ווייניקער סענטימענטאַל — האָט וואורצל ניט גערעדט נאָר באַפוילן — דו אַליין פלעגסט דאָך טענה׳ן, אַז אַ גוטער היסטאָריקער דאַרף זיך רעכענען מיט פאַקטן, ניט מיט פאַרפירערישע סענטימענטן. אַ היסטאָריקער דאַרף האָבן אַ גוט אויג, אַ שאַרפע נאָז. טאָ קוק זיך מיט ביידע אויגן איין אין די חורבות, לייג צו די נאָז צו די פגרים — וואָס מער אויג און וואָס ווייניקער האַרץ — פאַרשטאַנען, יודע?

— יאָ, הער וואורצל.

.2

קריקוועגס פון די חורבות האָבן ביידע געשוויגן. דאָס שווייגן האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. איידער וואָס־ווען האָט דער אויטאָמאָביל זיך אָפּגעשטעלט. און ווי באַלאַבאַן איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט געוואָלט פאַרמאַכן נאָך זיך ס׳טירל, האָט ס׳טירל זיך אַליין צוגעהאַקט און דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטון מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט מיטגעריסן אַ שטיק פון באַלאַבאַנען. ס׳האַרץ ביי באַלאַבאַנען האָט אַ פלאָטער געטאָן און אַזא הוילקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַז ער איז, ניט טויט, ניט לעבעדיק, אַריין אין טויער. פונם טויער האָט ער זיך פאַרנומען מיטן פאַראַדנעם קאָרידאָר, ווו ס׳איז געווען פייכט, קיל און טונקל, ווי אין אַ קעלער.

באַלאַבאַן האָט קיין כוח ניט געהאַט אַרויפצוגיין די פיר גאָרנס און האָט זיך צוגעזעצט אויפן ערשטן טרעפּל. די פיס, אויפגעלאָפענע, האָבן געשווערט און וויי געטאָן. און ווי ער האָט צעבונדן די שיך־שטריקלעך, לויזער געמאַכט ס׳אונטערגעניי, האָט אַלץ — ס׳האַרץ, די אויגן, ס׳פּנים — אַלץ, וואָס איז ביז אַהער געווען האַרט ווי שטיין, האָט מיט אַמאָל נאָכגעלאָזט.

אַ הייסע קול האָט זיך באַלאַבאַנען אַ שפּאַר געטאָן אין האַלז אַריין — די יידן אויסגע׳שחט׳ן, אויסגעמאָרדעוועט. די הייזער — אויסגעגליכן מיט דער ערד. געבליבן איז איין ייד — מאיר באַלאַבאַן — וואָס דאַרף דאָס אַלץ צוקוקן. דאָס איז איבער זיינע כוחות.

באַלאַבאַן האָט צוגעדעקט ס׳פּנים מיט די האַנטפלאַכן. ער האָט זיך צעוויינט און געהאַט טענות צו זיך:

— פאַרוואָס האָב איך ניט געוויינט, ווען כ׳בין געשטאַנען אויף די חורבות פון דער געטאָ? פאַרוואָס האָב איך ניט באַוויינט די קדושים, וואָס וואַלגערן זיך צווישן די חורבות? פאַרוואָס האָב איך קיין קדיש ניט געזאָגט?

ער האָט זיך העכער צעוויינט. און וויינענדיק האָט ער זיך אַרויפגעשלעפּט



די פיר גאָרנס, איז אַריין צו זיך אין דירה, ווו אַרום די ווענט זיינען געשטאַנען שטויסן ביכער, שטויסן ספרים, אין די הונדערטער, אין די טויזנטער.

ער האָט גערופן ס׳ווייב ביים יידישן נאָמען — גיטל, ער האָט גערופן די טאָכטער, גערופן די צוויי זין. קיינער האָט אים ניט געענטפערט, ווייל ס׳ווייב מיט דער טאָכטער זיינען געשטאָרבן. און די זין? זיינען זיי אומגעקומען אין די געטאָ־שלאַכטן? ער האָט ניט געוווסט.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין די קליידער, אין די שיך, אויף דער צעריסענער אַטאָמאַנע. ס׳האָט זיך אַ הייב געטאָן אַ וואָלקן שטויב. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און ער איז איינגעשלאָפן אַ שעה צוועלף.

אַז באַלאַבאַן האָט זיך גענומען וועקן איז שוין געווען אַ שפּראָץ אויף טאָג. ער האָט געעפנט די אויגן, געקוקט אַרום זיך אַ פּאָר׳חידוש׳טער, ווי ער וואָלט געווען אין אַן אַנדערער וועלט, אַ ווייטער, ווו אַלץ האָט אים אויסגעזען פרעמד.

אַ שטיקל באַגינען, וואָס האָט זיך אים פאַרקליבן צווישן די אויגן, האָט געוואַרעמט, האָט געוועקט אַ פאָדעם נאָך אַ פאָדעם — האָבן די פעדעם אים אַריבערגעטראָגן אין דער פאָרשטאָט פון לעמבערג, ווו זיין זיידע, זיין טאַטע, האָבן געוווינט.

ס׳איז געווען ערב־שבועות.

דער זיידע האָט אים געגלעט איבערן קעפּל, איבער די באַקן:

— קום, מאיר׳טשע, מיר וועלן גיין אין „שטאָט“ אַריין אין דער אַלטער שול, ווייל היינט איז די יאָרצייט פון די קדושים — ר׳ חיים און ר׳ יהושע רייצעס — וואָס מען האָט זיי פאַרברענט אויפן מאַרק אַן ערך פאַר צוויי הונדערט יאָר.

דער צען־יעריקער מאיר׳טשע האָט געוווסט, אַז דער לעמבערגער רב, ר׳ חיים רייצעס און זיין יינגערער ברודער, ר׳ יהושע, האָבן צוגערעדט אַ משומד ער זאָל צוריק ווערן אַ ייד. דערפאַר האָט מען די ברידער רייצעס איינגעזעצט און פאַר׳משפּט צו אַ שווערן טויט. פריער — אָפּהאַקן די הענט און די פיס. דערנאָך — אַרויסרייסן ביי יעדן איינעם די צונג. דערנאָך ערשט — צעפערטלען און פאַרברענען.

דער יונגערער רייצעס, ר׳ יהושע, האָט אויסגעהערט דעם פּסק־דין און אויפן אָרט זיך איבערגעשניטן דעם האַלז. דעם עלטערן, ר׳ חיים׳ען, האָט מען צוגעזאָגט אַלע גליקן, אַבי ער זאָל זיך שמד׳ן. ר׳ חיים האָט ניט געוואָלט הערן וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט בלויז געהאַט איין בקשה צו די מערדער — „פייניקט מיך אַ שעהלענגער, אַבי גאָלט מיר ניט אָפּ פאַדן טויט די באָרד“.

און אַז מען האָט דעם לעמבערגער רב, ר׳ חיים׳ען, אַרויפגעפירט ערב שבועות אויף דער „רושטאָוואַניע“, ווו דער הענקער איז געשטאַנען גרייט מיט דער האַק און הינטן האָט שוין געפלאַקערט ס׳פייער, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די לעמבערגער יידן, וואָס האָבן געוויינט און געקלאָגט:

— ווײנט ניט, ייִדן. די שטראָף פון גאָט איז אַ פּאַרדינטע, מען דאַרף מיר אָפּהאַקן די הענט, ווײַל מײַן שווער האָט מיר געקױפט ס׳לעמבערגער רבנות. מען דאַרף מיר אַרױסרײַסן די צונג — ווײַל כ׳האָב זיך געלערנט און כ׳האָב גערעדט מיט כומרים גלחות (לאַטײַן). אײן בקשה האָב איך יאָ. אױף מײַן מצבה זאָלט איר לאָזן אױסקריצן: „וכל בית־ישראל יבכו את השרפה אשר שרף יהוה“ — „און דאָס גאַנצע הױז פון ישראל זאָל באַװײנען די פאַרברענונג, וואָס גאָט האָט פאַרברענט“.

מאיר׳טשע הערט שוין די ווילדע קולות פונם המון, הערט דאָס קנאַקן פון די פלאַמען, הערט די געשרײַען פונם געפּײַניקטן ר׳ חיים. ער טוליעט זיך צום זיידן:

— זיידע, וואָלסטו געהאַט כּוח אומצוקומען, ווי ר׳ חיים רײַצעס, אױף קידוש־השם?

— איך? — איז דער זיידע געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער איבער דעם ברונעם.

מאיר׳טשע האָט ניט געוואַרט אױפ׳ן זיידנס ענטפער. צו צען יאָר האָט ער זיך געפילט בכּוח אומצוקומען אױף קידוש־השם.

דאָס איז געווען אין 1886.

און הײַנט?

באַלאַבאַן איז אַראָפּ פון דער אַטאָמאַנע און איז געבליבן שטײן בײַם אָפענעם פענסטער.

דער פרימאָרגן איז פול געווען מיטן אָפּהילך פון באַגינען, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אַוועקגעשטעלט אױף די פיס. אַ שטילקײט האָט זיך געטראָגן פון די אַלטע, גראָע ווענט. און איבער דער שטילקײט — אַ פאַרגליווערט געשרײ — די ייִדן אױסגע׳שחט׳ן, די געטאָ אױסגעגליכן מיט דער ערד. און וווּ ביסטו, גיטל? און וווּ זענט איר — אַלעקסאַנדער, לײַבל, זין מײַנע? און מײַן אײנציקע טאָכטער וווּ איז?

באַלאַבאַן האָט זיך אָפּגעגאָסן די נעגל. דערנאָך האָט ער אַרױסגענומען דעם טלית, אים צעוואָרפן, געקוקט אױף אים און גענומען צײלן די ווערטער:

„— — — וכשם שאני מתכסה בטלית בעולם הזה, כן תזכה נשמתי להתלבש בטלית — — — לעולם הבא . . .“

די שלײפן האָבן געבליצט, ס׳לײַב — געפלאַמט. פון ערגעץ ווײַט האָט אױפגעהעלט אַ פאַרווײנט פּנים:

— מאַמע, מאַמע . . . מאיר׳טשע וועט ניט שרײַבן ס׳לעצטע קאַפּיטל וועגן די וואַרשעווער ייִדן . . . מאיר׳טשע וועט ניט לײענען אין בעלוועדער. מאַמע, מאַמע . . . אין מאיר׳טשן זיצט דער עלטער־עלטער־זיידע, דער לעמבערגער פּרנס־החודש, ר׳ לײַבוש. דער ר׳ לײַבוש — „אַ לײב וואָס האָט געטעמט מיט נקמה“, — האָט ניט מורא געהאַט פאַרן וואָיעוואָדע, האָט ניט מורא געהאַט פאַר מלכות . . . אין מאיר׳טשן זיצט אױך דער לעמבערגער רבֿ, ר׳ חיים רײַצעס, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט . . .



מאיר באַלאַבאַן האָט אַ שלײדער געטאָן פון זיך דעם טלית, אים געלאָזט ליגן אױפן דיל. ער איז געשטאַנען בײַם אָפענעם פענצטער, ווו דער פרימאָרגן האָט זיך געריסן איבער דעכער און דעכלעך. די ברײט און די ווײַט האָבן זיך געפּאַקט אין מוח אַרײַן און דער מוח האָט ניט געקענט אײַנהאַלטן קײן אײן געדאַנק.

באַלאַבאַן האָטאַ צי געטאָן די הענט, אַ צי געטאָן דעם גוף. די דעכער האָבן אָנגעהױבן אַנטקעגן צו קומען. שנעלער, שנעלער. אין די אױערן — קולות, אין די אױגן — פלעמעלעך. און די זיבן און זעכציק יאָר לעבן האָבן זיך איצט געריסן פון דעם פאַרמאַטערטן גוף, זיך געריסן אין אַן אַנדער לעבן, וואָס ברענט און ווערט קײנמאָל ניט פאַרברענט.

---

## י. אפּאטאשו

## ייִדיש

אין די פערטהאַלבן טױזנט יאָר, אױף דעם לאַנגען וואַנדער־וועג, האָבן מיר ייִדן, אַ פאָלק מיט אַן אַלטער, זעלבסטשטענדיקער קולטור, נישט אײנמאָל געביטן אונזער לשון. דרײַ פון אונזערע גערעדטע לשונות האָבן מיר ניט בלױז איבערגעשאַפן, מיר האָבן זײ אױך באַלעבט און דערהױבן צו נאַציאָנאַלע שפּראַכן. אונזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן זענען — העברעאיש, אַראַמיש, ייִדיש.

ס׳איז כמעט אַ געזעץ — ווען אַ פאָלק כאַפּט זיך, אַז זײַן ליטעראַרישע שפּראַך הערט אױף צו באַדינען די טאָג־טעגלעכע נױטן, הײבט אים אָן צו ווערן פרעמד, קערט זיך דאָס פאָלק אָפּ פון דער ליטעראַרישער שפּראַך און דערהײבט ס׳גערעדטע לשון, דעם „זשאַרגאָן“ זײַנעם. דער „זשאַרגאָן“ ווערט די ליטעראַרישע שפּראַך. אַזױ האָבן די ראָמאַנישע פעלקער זיך אָפּגעזאָגט פון לאַטײַן און דערהױבן די פאָלקס־דיאַלעקטן, די זשאַרגאָנען, געמאַכט פון זײ: שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, פראַנצױזיש, איטאַליעניש, רומעניש.

אַזױ האָבן מיר, ייִדן, נאָך גלות בבל, אין דער צײַט פון די פּרושים, דערהױבן אַראַמיש, דעם דעמאָלטיקן „זשאַרגאָן“, אָדער, ווי מען האָט אַראַמיש גערופן: „לשון הדיוט“, צו אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. און דאָס איז אַזױ לײַכט ניט אָנגעקומען. דער שפּראַך־געראַנגל איז געווען אַ לאַנגער און פאַרביסענער. שפּורן פונם שפּראַך־קאַמף געפינען מיר אין תלמוד און מדרש. די העברעאיסטן האָבן אײַנגעלײגט וועלטן, געסטראַשעט ס׳פאָלק, אַז „מ׳טאָר ניט תפילה טאָן אין אַראַמיש, ווײַל די מלאכי־השרת פאַרשטײן נישט קײן אַראַמיש“. די אַראַמיסטן, די דעמאָלטיקע ייִדישיסטן, האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן. זײ האָבן שױן דעמאָלט געוווּסט, אַז העברעאיש איז נישט דאָס ערשטע ייִדישע לשון, ס׳איז שױן דעמאָלט קשה געווען, פאַרוואָס די עלטסטע ייִדישע תפילה בײַם ברענגען ביכורים הײבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ארמי אובד אבי“.

* אַ טײל פון דעם אַרטיקל האָט אַפּאַטאָשו אין 1937 געלײענט אױף זײַנעם אַן אַרױסטריט אין לאָנדאָן.—ד.ר.

איז אויב אונזער פאָטער איז געווען אַן ארמי וואָס וואַנדערט, אַן ארמי, אַ בעדואינער, האָט ער דאָך ניט גערעדט קיין העברעאיש, נאָר אַראַמיש? און ווען די העברעער האָבן פאַרזיכערט דאָס פאָלק, אַז גאָט אַליין רעדט בלויז לשון־קודש, האָבן די אַראַמיסטן עס צוריקגעשליידערט, געטענה׳ט, אַז „בשעת גאָט האָט באַשלאָסן צו געבן די יידן אַ תורה, האָט ער מיט זיי נישט גערעדט קיין העברעאיש, נאָר די שפראַך, וואָס יידן האָבן גערעדט און פאַרשטאַנען — מיצריש". און דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען לויט דעם דעמאָלטיקן יידישן וועלט־קוק און לעבנס־קוק, אויף די ליניעס פון דער דרייאיינהייט — פאָלק, גאָט און תורה.

געזיגט האָט ס׳לעבן. אַראַמיש איז געוואָרן די ליטעראַרישע שפראַך ביי יידן. אַראַמיש איז אַפילו אַריין אין תנ״ך. פרץ׳ס אַ חסידישע מעשה האָט זיך מער העברעאיש, ווי די אַראַמישע קאַפיטלעך פון ספר „דניאל". און „דניאל" איז קאַנאָניזירט געוואָרן מיט די „כתובים". און אויב די צדוקים זענען געווען קעגן, איז נישט דערפאַר, וואָס „דניאל" איז געשריבן אין אַראַמיש, נאָר דערפאַר וואָס „דניאל" רעדט וועגן יענער וועלט, וועגן תחית־המתים.

דאָס איז געווען 65 יאָר נאָך קריסטוסן, דעמאָלט האָט אַראַמיש שוין געהאַט איבערגענומען די גאַנצע העברעאישע קולטור־ירושה, זי פאַרדייט אויף איר שטייגער, זי איבערגעאַרבעט און צוגעפאַסט נישט בלויז צום פאָלקס־לעבן, נאָר אויך געשאַפן אין אַראַמיש די גרויסע נאַציאָנאַלע אוצרות — דעם תלמוד ירושלמי, דעם תלמוד בבלי, אָנגעהויבן שאַפן דאָס אָריגינעלסטע טעאָזאָפישע ווערק, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, — דעם „זוהר". אויך געשאַפן די תפילה, ווען אַ זון געזעגנט זיך מיט זיין געשטאָרבענעם פאָטער, ווען אַ נייער דור געזעגנט זיך מיטן פאַרגאַנגענעם, כ׳מיין דעם אַראַמישן „קדיש", וואָס נאָך היינט צו טאָג ווערט ער געזאָגט, אויב נישט פון 17 מיליאָן יידן איבער דער גאָרער וועלט, איז פון 14 מיליאָן אוודאי און אוודאי. פונם העברעאישן „אל שדי", איז געוואָרן דער אַראַמיש־יידישער „רבונו־של עולם", דער „טאַטע־פאָטער", וואָס וואָרצלט ביז׳ן היינטיקן טאָג נאָך טיף אינם יידישן פאָלק.

די יידיש קעגנער וועלן אָנווייזן, אַז מיר האָבן געהאַט נאָך שפראַכן — פערסיש, גריכיש, אַראַביש, שפאַניאָליש, פראַנצויזיש. אמת, מיר האָבן אָבער די אַלע לשונות נישט דערהויבן צו נאַציאָנאַלע יידישע שפראַכן. ביז דעראָסין, ביז דעם 16־טן יאָרהונדערט האָבן מיר אַפילו ניט געוווסט צי דער יידיש־גריכישער פילאָזאָף פילון פון אַלעקסאַנדריע, האָט איבערגעלאָזט ביכער. אַראַביש איז פונקט אַזאַ שוועסטער־שפראַך פון העברעאיש, ווי אַראַמיש. אַראַביש האָט בלויז געוועקט ביי יידישע דיכטער „קנאת סופרים", געטריבן די ספרדישע יידישע פאָעטן צו פאַרטיפן זיך אין תנ״ך, אין דקדוק. מער נישט! שפאַניאָליש, וואָס יעדער שפאַניער פאַרשטייט נאָך היינט, האָט דאָך אַפילו קיין יידישן נאָמען נישט. די שפאַניער רופן זייער שפראַך: לאַדינאָ. דאָס הייסט — לאַטיין. און אויב זיי רופן עס טיילמאָל „יידיש", איז דער נאָמען געבאָרגט ביי אונז. אַ חוץ עין־הרע־אָפשפרעכענישן, קמיעות, אַ צענדליק



וויג־לידער, אַ צענדליק באַלאַדעס, האָט לאַדינאָ גאָרניט איבערגעלאָזט נאָך זיך.

ווי מיר זעען, קאָן דאָך קיין רייד ניט זיין פון נאַציאָנאַלע שפראַכן, ביז מיר קומען צו יידיש. פרעגט זיך — וואָס פאַר אַ יידן זענען דאָס געווען די טאַטעס פונם היינטיקן יידיש? דאָס זענען געווען מענטשן מיט אַ סך יידישער קולטור. זיי האָבן אין זיך געטראָגן די ירושה פונם תנ״ך, פון דער גמרא, פון די גאונים. זיי האָבן גערעדט פראַנצויזיש, גערעדט איטאַליעניש. זיי זיינען דאָך געקומען פון די ראָמאַנישע לענדער, געקומען אין ריינישער געגנט דורך פראַנקרייך. לאַטיין האָבן זיי פיינט געהאַט, עס גערופן „גלחות" (גלחים־לשון), ווייל ס׳האָט געהאַט צו טאָן מיט קריסטנטום. און קריסטנטום איז פאַר יידן געווען — גזירות, רדיפות, שייטערהויפנס און קידוש־השם. דער ייד, וואָס איז אַריבערגעקומען אין דער ריניש־פראַנקאנישער געגנט, איז געשטאַנען העכער, איז געווען קולטורעלער פונם דייטש. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט אַסימילירן. דער ייד איז אויך געווען וועלטלעכער פונם דייטש. ער, דער ייד, האָט מיטגעבראַכט קיין דייטשלאַנד די פראַנצויזישע, ריטער־ראָמאַנען און העלדן־עפאָסן, — די אַלע „טריסטאַנס און איזאָלדאָס", די אַלע „פאַרסיוואַלן".

אונזערע מייִנסטע וויסנשאַפטלער האָבן אַ טעות, ווען זיי מיינען, אַז ר׳ יהודה חסיד האָט אין זיין „ספר חסידים" געשטורעמט קעגן די דייטשע „ראָמאַנצן", זיי פאַרווערט יידן צו לייענען. דאָס האָט ר׳ יהודה חסיד געשטורעמט קעגן די פראַנצויזישע, אָדער ריכטיקער, פראָוואנסאַלישע „ראָמאַנצן". און אַז די תקופה וועט אויסגעפאָרשט ווערן, וועט מען ערשט דעמאָלט אויסגעפינען, אַז מיר, יידן, זענען געווען די קולטור־טרעגער פון דער „ריינער" אַרישער קונסט, פונקט ווי מיר זענען געווען די קולטור־טרעגער פונם אַראַבישן רענעסאַנס אין מיטלאַלטער. אָט די יידן, אונזערע עלטער זיידעס, זיי האָבן יידיש דערהויבן צו אַ נאַציאָנאַלער שפראַך.

און אַז מען לייענט ביי די דייטש־פוילישע געלערנטע פון צונצן ביז גרעצן, אַז די דייטשע יידן האָבן גערעדט דייטש, און אין דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן „מאַושלען", רעדן דעם נמאסדיקן „זשאַרגאָן", זענען שולדיק די פוילישע יידן, ווילט זיך בלויז לאַכן. דערמיט האָט מען אויף אַ „מה־יפית" שטייגער געוואָלט אונטערשטרייכן דעם יידיש־דייטשן פאַטריאָטיזם. און דאָס איז געווען אַ מכת־מדינה. דער געלערנטער הרכבי פון פעטערבורג האָט אויך אויפגעוויזן, אַז אין 16־טן יאָרהונדערט האָבן יידן אין פוילן גערעדט פויליש, ניט קיין יידיש.

דאָס האָט זיך גענומען אי פון נישט וויסן, אי פון וועלן צושפילן דער הערשנדיקער קולטור. מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די היינטיקע פילאָלאָגיע איז אינגאַנצן אַלט אַ הונדערט יאָר. ביז דעם פילאָזאָף לייבניץ האָט גאַנץ אייראָפע געגלויבט, אַז אַלע שפראַכן שטאַמען פון העברעאיש. שמואל דוד לוצאַטו האָט זיך ביי דער טעאָריע געהאַלטן ביז אין 19־טן יאָרהונדערט. אַפילו אונזער גרויסער יצחק־לייב פרץ, האָט אויף דער טשערנאָוויצער שפראַך־קאָנ־

פערענץ געזאָגט, אַז יידיש הייבט זיך אָן מיט אייזיק־מאיר דיק. פּרץ האָט געמיינט די יידישע ליטעראַטור. און איך זאָג, אַז יידיש האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט, ווען דער אַנאָנימער קינסטלער האָט געוואָלט אַריבערטראָגן און איבערגיסן אין יידיש דעם קלאַנג און ריטם פון העברעאיש־אַראַמיש. און ער האָט דאָס געטון ביי דער ערשטער געלעגנהייט. ווי אַזוי, מיינט איר, האָט דער אַנאָנימער קינסטלער איבערגעזעצט „מלך ומלוך“? נישט „דער קיניג וועט הערשן“, נישט „דער קיניג וועט רעגירן“, נאָר „דער קיניג וועט קיניגן“, כאָטשע אין דייטש איז נישטאָ אַזאַ וואָרט, נישטאָ אַזאַ ווערב, ווי קיניגן. און „דער קיניג וועט קיניגן“ איז שוין ניט קיין דייטש, דאָס איז שוין יידיש. און ס׳איז שוין אויך נישט קיין איבערזעצונג. ס׳איז אָריגינעלע שאַפונג.

ווען איז דאָס געווען?

נישט מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק, ווי אונזערע וויסנשאַפטלער ווילן האָבן, נאָר מיט ניין הונדערט יאָר צוריק, און אפשר מיט גאַנצע טויזנט יאָר צוריק, ווען פוילן האָט נאָך נישט געהאַט קיין ליטעראַטור.

ס׳איז אַ געזעץ — ווען אַ פאָלק וויל באַלעבן אַ פרעמדע שפּראַך, וויל זי מאַכן פּראָדוקטיוו, דאַרף זי די שפּראַך איבערשמעלצן, איבעראַרבעטן, דאַרף באַשאַפן אַ נייע שפּראַך, איר שפּראַך. און דאָס האָבן מיר געטאָן מיט די דייטשע דיאַלעקטן. מיר האָבן זיי באַלד ביים איבערנעמען געיידישט, אַריינגעבראַכט אַ שלל מיט נייע ווערטער, מיט נייע באַגריפן, כ׳מיין די העברעאיש־אַראַמישע האַנדלס־טערמינען און סחורות־באַצייכענונגען, וואָס זענען געווען באַקאַנט, ווו נאָר יידן האָבן געפירט מסחר. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער יידישער גרויס־האַנדל מיטן ווייטן מזרח איז געגאַנגען דורך דייטשלאַנד און סלאַווישע לענדער. אָט די ווערטער, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער יידישער עקאָנאָמיק, האָבן זיך פריער איינגעוואָרצלט אין די דייטשע דיאַלעקטן, ווי די ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו יידישקייט און ריטואַל.

אָבער פון די צוגעקומענע ווערטער איז נאָך נישט געוואָרן קיין יידישע שפּראַך. מען האָט די העברעאישע און דייטשע עלעמענטן געדאַרפט צענויפפאָרן און איבערשמעלצן. „כבוד“ איז העברעאיש. „זיין“ איז דייטש. אָבער „מכבד זיין“ איז נאָר יידיש. פונקט ס׳זעלבע „גט׳ן זיך“, „דרשה־געשאַנק“. דאָס זענען יידישע ווערטער, וואָס איר וועט זיי נישט געפינען אין דייטש און ניט אין העברעאיש.

אַ חוץ העברעאיש־אַראַמיש עלעמענטן זענען אויך צוגעקומען ראָמאַנישע. ווייסט איר, אַז אַזוינע עכטע יידישע ווערטער, ווי בענטשן, דאַווענען, ניטל, סאַרווער, טשאָלנט, פאַטשיילע, אַלקער, אַלטער, אימפּעט, פּלעט, גוידער, ווירע, מילגרוים, — און נאָך צענדליקער און צענדליקער שטאַמען נישט פון דייטש, נאָר פון פראַנצויזיש, פון איטאַליעניש. קען נאָך זיין יידישער, ווי יענטע, שפּרינצע, אַנשל? און יענטל שטאַמט גאָר פון פראַנצויזישן Gentile — איידל געבוירענע.

און נישט בלויז ווערטער זענען צוגעקומען, נישט בלויז די אויסשפּראַך



איז געוואָרן אַן אַנדערע, נאָר די קאָנסטרוקציע פון זאַץ־בוי, דער גאַנצער סינטאַקסיס האָט זיך געענדערט. פונם „לשון אשכנז“ איז געוואָרן „יידיש־טייטש“, פון „יידיש־טייטש“ איז געוואָרן „לשוננו — אונזער שפּראַך“, פון „אונזער שפּראַך“ איז געוואָרן „יידיש“.

און יידיש האָט געוואָקסן, געוואַקסן, גענומען אויסשפּרייטן איר טעריטאָריע. מען האָט גערעדט יידיש אין איטאַליע, אין פראַנקרייך, אין האָלאַנד, אין סקאַנדינאַוויע; מען האָט גערעדט יידיש אין בעמען, אין מערן, אין פוילן, אין ליטע, אין אוקראַינע, אין ניי־רוסלאַנד ביז אַראָפּ צום שוואַרצן ים.

„אשכנז“ האָט אויפגעהערט צו זיין אַ געאָגראַפישער באַגריף, ס׳איז געוואָרן אַ אידעאישער, ס׳איז געוואָרן „יידיש־לאַנד“.

און זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן — ס׳איז אַ בלבול און אַ היסטאָרישער שקר, אַז יידיש איז געווען בלויז די שפּראַך פון ווייבער, מיידלעך און עמי־הארצים. געוויס האָט די רעליגיעזע ליטעראַטור אויף יידיש נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַרן למדן. דער למדן האָט די רעליגיעזע ליטעראַטור געהאַט אין אָריגינאַל, אין העברעאיש. די יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט אין זיך געטראָגן וועלטלעכקייט און וועלטלעך־ליטעראַריש שאַפן, האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע זיינע שיכטן, ווייל אין העברעאיש איז דעמאָלט אַזאַ מין שאַפן נישט געווען. פון איבער הונדערט און צוואַנציק שער בלעטער פון אַלט יידישע אויסגאַבעס ווענדן זיך בלויז ניין שער־בלעטער אויסשליסלעך „צו פרומע ווייבער, בחורים און „פּולצילס“ (מיידלעך), איבער הונדערט שער־בלעטער ווענדן זיך נישט בלויז צו „ווייבער און מיידן“, נאָר אויך צו בחורים, באַלעבאַטים, „אַלע יידן, צו ליבע לייט, מאַן און ווייב, יונגען און מיידן“.

אין אונזער העלדן־עפּאָס, אינם שמואל־בוך, וואָס איז אַנטשטאַנען אינם 14־טן יאָרהונדערט און וואָס קען זיך נאָך היינט פאַרמעסטן מיט די בעסטע דייטשע העלדן־עפּאָסן פון יענער צייט, ווערט געזאָגט, אַז די עמלאָדיע פונם „שמואל־בוך“ קען „כל ישראל“. און דער מחבר האָט דערביי גאָרנישט איבערגעטריבן. און אַז יוסף בר יקר האָט אין 1544 אַרויסגעלאָזט אַ סדור אויף יידיש, צענויפגעשטעלט לויט אַלטע איבערזעצונגען, האָט ער אויפן שער־בלאַט אַוועקגעשטעלט אַזאַ רעקלאַמע: „צווישן מיין סדר און אַנדערע איז אַזאַ אונטערשיד, ווי צווישן אַן אַלט ווייב און אַ יונגער מויד“. אַזאַ מין פאַרגלייך אויף די בלעטער פון אַ סדור איז געווען טיפּוש פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט, וואָס האָט זיך גערעכנט מיטן געזונטן געשמאַק פון די פאָלקס־מאַסן. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך ניט גענוג געווען יידיש זאָל זיך אַרויסרוקן און ווערן אַ פּראָגרעסיווע שפּראַך. צווישן שפּראַכן זענען אויך פאַראַן צוריקגעשטאַנענע און פּראָגרעסיווע. דערצו האָבן ווידער היסטאָרישע כוחות צוגעשפּילט. ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז די גרויסע מערהייט פונם יידישן פאָלק האָט זיך געפונען אין איין לאַנד — אין פוילן. דורות לאַנג האָבן יידן דאָרט געהאַט קולטורעלע און פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. כ׳מיין דעם „וועד ארבע הארצות, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער גרויס־פוילן, קליין־פוילן,

רויט־רוסלאַנד, וואָלין און אַפילו ליטע. פון רדיפות און שחיטות (אַ חוץ כמעלניצקים) האָבן יידן כמעט ווי נישט געוווסט. עקאָנאָמיש האָט זיך יידן גוט געלעבט. דאָ אין פוילן האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ נייער טיפ ייד, אַ טיף־נאַציאָנאַלער, וואָס האָט אַריבערגעשטיגן דעם מזרח־ייד, דעם ספרדישן און אַראַבישן. דאָס איז געווען דער פוילישער ייד פון פויזן, פון קראָקע, פון לעמבערג, פון לובלין, פון בריסק; מיטן פוילישן ייד איז אויך געוואַקסן זיין לשון. בשעת דער ספרדישער ייד האָט רייכער געמאַכט פרעמדע קולטורן, איז דער אשכנזיש־פוילישער ייד, מיט זיין פלפול, מיט זיינע פשטלעך, מיט זיין רעדן און טראַכטן געווען אַ המשך פון דעם בבלישן גמרא־ייד. אין זיין הלוך, אין זיין יידיש איז געווען עפּעס זייגנאַרטיקס, עפּעס אויסטערלישעס. און דער דאָזיקער גאַנצער ייד, פון דעם בעל־מלאכה, פון דעם בעל־עגלה, פון דעם סוחר ביז דעם למדן, אַלע האָבן זיי זיך אויסגעלעבט אין יידיש. די „צאינה וראינה“, דאָס טייטש־חומש פון דער יידישער פרוי, איז געווען דער המשך פון אַמאָליקן מדרש, נאָר אין יידיש. דער „נחלת־צבי“ — איז דער „זוהר“ אין יידיש. דער מחבר פונם „טייטש־זוהר“ דערקלערט אין זיין הקדמה, אַז משיח וועט גיכער קומען ווען מען וועט דעם „זוהר“ לייענען אין דער פאָלקס־שפּראַך, אין יידיש. די קאַבאַליסטן האָבן אויף יידיש געפירט זייער קאַמף קעגן די לומדים און רבנים, אַפילו קעגן דעם תלמוד. דערצו האָט אונזער מאַמע, די יידישע פרוי, קיין אַנדערע שפּראַך ניט געהאַט. יידיש הייסט נאָך היינט — מאַמע־לשון. אונזער מאַמע האָט זיך אויסגעוויינט איר האַרץ אויף יידיש, האָט אונז איינגעוויגט מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען“, האָט פאַרפלאַנצט אין אונז ליבע און איבערגעבנקייט צום פאָלק.

דאָ אין פוילן און אין דער שכנישער טשעכיע איז יידיש רייכער געוואָרן, האָט צוגעקראָגן אַ נייעם עלעמענט — דעם סלאַווישן. און דאָ רעדט זיך ניט בלויז פון אַנטליענע ווערטער אין יידיש ווי — כריין, כאָטש, נעבעך, קרעטשמע, בייטש, זאַטשעפּען, דאַקוטשען — וואָס וואַרפן זיך ביים קוק יעדן אין די אויגן. פיל וויכטיקער איז געווען די השפעה פון סלאַוויש אויף דער יידישער גראַמאַטיק, וואָס מען דערקענט אין די קלאַנגען, אין דער וואָרט־בילדונג, אין דעם סינטאַקסיס און אַפילו פראַזעס און ווערטלעך. כ׳האָב פריער געזאָגט, אַז ס׳זענען דאָ פּראָגרעסיווע שפּראַכן און צוריקגעשטאַנענע. די ראָמאַנישע שפּראַכן, וואָס האָבן אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אָפּגעוואָרפן די בויגונגען פון זאַך־ווערטער (סובסטאַנטיוון), אָפּגעוואָרפן דעם דריטן מין, זענען אין פאַרגלייך מיט לאַטיין פּראָגרעסיוו. יידיש, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די בויגונגען פון זאַך־ווערטער, אָפּגעוואָרפן דעם אימפּערפעקט, איז אין פאַרגלייך מיט דייטש אַ פּראָגרעסיווע שפּראַך. יידיש האָט אויך אַרויסגעשטופּט אַנדערע פאָרמען, האָט זיך באַפרייט פון דייטשע פענטעס, פון וואָרט־שטעלונג, פון איבעריקע פאָרמען און קלאַנגען, וואָס מיר געפינען נאָך אין אַלט־יידיש. פון אַ סינטעטישער שפּראַך איז יידיש געוואָרן אַן אַנאַליטישע, אַ פּראָגרעסיווע, ווי פראַנצויזיש, ווי איטאַליעניש, ווי שפּאַניש, ווי ענגליש.



יידיש איז אַריין אין דער משפחה פון פּראָגרעסיווע שפּראַכן, סוף 17־טן יאָרהונדערט. ווען סטאַדיוואַריוס האָט געגעבן דער וועלט זיין פידל. אָבער אַ סטאַדיוואַריוס־פידל איז נאָך ניט גענוג. מען דאַרף נאָך האָבן וויירטואָזן, מען דאַרף האָבן קינסטלער, וואָס זאָלן אַרויסברענגען די פּאָטענציעלע, באַהאַלטענע כוחות פון דעם סטראַדיוואַריוס־פידל. און אַזוינע וויירטואָזן, אַזוינע קינסטלער האָבן זיך באַוויזן. פריער אַנאָנימע — דאָס חסידות, דער יידישער אַרבעטער, וואָס האָבן געגעבן יידיש — נשמה, מוח און פּראַצע.

אין חסידות איז אַפילו דאָס העברעאישע געוואָרן יידיש. ס׳באַווייזן זיך ר׳ נחמן בראַסלאָווערס מעשיות.

דאַן קומט דער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריער, וואָס מיט דער הילף פון יידישן וואָרט נעמט ער העלפן איבערבויען די וועלט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אַ דאַנק דעם אַרבעטער באַווייזט זיך ווידער דאָס יידישע בוך, ס׳וועלטלעכע, אַ גליד־גליד־שוועסטערקינד פון דעם וועלטלעכן „שמואל־בוך“ פון 14־טן יאָרהונדערט.

דערנאָך זיינען געקומען די קינסטלער פונם גרויסן פאַרנעם — מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם — וואָס האָבן צוגעגעבן יידיש וואָגיקייט, פאַנטאַזיע, צוגעגעבן שעפערישע מעגלעכקייטן און חשיבות. און איבער די קינסטלער, איבער דעם ברייטן פונדאַמענט הויבן זיך ווענט העכער און העכער, ס׳וואַקסט אויס אַ ריזיקע געביידע מיט ליכטיקע שפּיצן טיף איבער די וואָלקנס. די ליכטיקע שפּיצן באַלויכטן יעדן יידישן ישוב פון איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָס זענען — דער צווייטער דור קינסטלער נאָך די קלאַסיקער, די „יונגע“ פון אַמעריקע, דער דריטער דור, דער פערטער, די יידיש־פאָרשער, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. די יידישע פאָרשער פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

און ווי רייך אונזער שפּראַך זאָל ניט זיין, וואַרטן נאָך אויף יידיש גאַנצע אוצרות. און ווי דאָס „שמואל־בוך“ און אַנדערע העלדן־עפּאָסן זענען נאָך ניט באַאַרבעט געוואָרן שפּראַכלעך, זענען נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן. אַזוי זענען שפּראַכלעך נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן די אַלטע איינגעזעסענע ישובים פון פוילן, ישובים פון איבער פינף הונדערט יאָר, זעקס הונדערט יאָר, אַכט הונדערט יאָר. דאָס זאַפטיקע רומענישע יידיש איז נאָך ווי געהעריק ניט אויסגענוצט געוואָרן, און דאָס קלינגנדיקע יידיש מיט די לאַנגע פּתחן פון אונגאַרן איז נאָך אינגאַנצן נישט אָנגערירט געוואָרן. ס׳איז נאָך פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור — אַ קרקע בתולה. די אויפגעריסענע שטיקער שוואַרץ־ערד פון יידישן סאָוויעטן פאַרבאַנד דאַרפן נאָך אויסגענוצט ווערן. ס׳וואַרטן נייע ווערטער און באַגריפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, און ארץ ישראל — טויזנטער ווערטער, וואָס מאָנען און בעטן זיך דער קינסטלער זאָל זיי אויפנעמען, זאָל זיי געבן אַ פאָרם, אַ לבוש. און די פאָרם דאַרף ערגעץ פירן, און דער לבוש דאַרף וואַרעמען אַ מענטשלעך לייב.

ייִדיש איז אַ וועלט־שפּראַך, ווייל ייִדן זענען אַ וועלט־פאָלק. און נישט פון היינט איז ייִדיש אַ וועלט־שפּראַך. אין 1750, האָט פּראָפעסאָר קריזאנדער, אַ קריסט, געשריבן: „ייִדן טענה׳ן, אַז מיט ייִדיש קען מען אויספאָרן די גאַנצע וועלט“. און כאָטש מיר האָבן ניט קיין אַרמיי, קיין פלאָט, קיין גרעניצן, קען מען היינט־צו־טאָג, מיט מער רעכט ווי די ענגלענדער, זאָגן: אין ייִדיש־לאַנד גייט קיינמאָל די זון ניט אונטער. „ייִדיש־לאַנד“ איז אַ העכערע מדריגה, ווי צו האָבן אַרמייען, גרעניצן, פּאַספּאָרטן. עס איז נאָך אַ נייער באַגריף, ער הערט זיך שוין אָבער אין דער פעלקער־סימפאָניע. ס׳איז גענוג אַ טראַכט צו טאָן:

אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, אויסטראַליע — טויזנטער, צענדליק טויזנטער שטעט, טויזנטער, צענדליק טויזנטער מייל, ימ׳ן, וועלדער, פעלדער, ווו ס׳גייט אויף, פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, דער קלאַנג פון ייִדיש, פון אונזער לשון, ס׳לשון פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ייִדישן פאָלק, וואָס גלויבט אין דער גערעכטיקייט, וואָס וועט אָפּשאַפן שנאה און האַס צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און נאַציע, צווישן ראַסע און ראַסע . . .

---

שמואל ווהייט

## אויף יוסף אָפּאַטאָשוס פרישן קבר

אויסגעבלאָזן האָט ווינט די ערשטע
פאַרציטערנדע תקיעה־שאַלן,
זיינען ברוינליך רויטע בלעטער
מיט גערויש צו דער ערד געפאַלן.

מיט שברים־ און תרועה־טענער
רייסט דער ווינט און ברעכט די צווייגן,
עס איז די צייט פון פוילן דאַרבן,
פאַרשטימען פייגל אין טויטן שווייגן.

דער הימל האָט אַ גראָען מאַנטל
אויף זיין העלקייט אַרויפגעצויגן;
שטייען נאַקעט פאַרטרויערטע פעלדער,
בענקן נאָך דעם זומער וואָס איז פאַרפלויגן.

קראָען בלויז מיט טרויעריקע שוואַרצקייט,
טראָגן זיך פון אַלע זייטן אָן,
קראָען קדיש נאָך דעם זומער —
אַ קדיש מיט אַ שברים טאָן.



## י. א. ליסקי

## יוסף אפּאטאשו׳ס גרויסקייט

ס׳איז געווען אין אָפּאַטאָשו׳ן עפּעס אַ מין פאָטערלעכע ליבע צו ייִדיש, און צו דער ייִדישער ליטעראַטור. ווי אַ געטרייער פאָטער, וואָס האָט ליב זיין הויז־געזינט, דערנערט און דערציט די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע, אַזוי האָט יוסף אָפּאַטאָשו דורכן געשריבענעם און גערעדטן וואָרט, דערצויגן טויזנטער און טויזנטער ייִדישע לייִנער. ער האָט דעם יוגנטלעכן ייִדישן לייִנער, איבער דער גאַנצער ייִדישער וועלט, נישט בלויז פאַרשאַפט אַ גייסטיקן פאַר־געניגן, נאָר ער האָט אים פאַרהאָלפן צו פאָרמען און צו געשטאַלטן זיין לעבן אין די פאַרשידענע לענדער, צווישן די פרעמד־שפּראַכיקע סביבות. און די לייִנער האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט טיפן רעספּעקט. געוויינטלעך איז דער באַגריף רעספּעקט אַ פּועל יוצא פון אַ שטרייִנגער דערציונג, אָבער יוסף אָפּאַטאָשו איז נישט געווען קיין שטרייִנגער פאָטער. . . .

אינ׳ם פּראָצעס פון זיין קינסטלערישן שאַפן, האָט אָפּאַטאָשו נאָכגעפאָלגט פּרץ׳ס אָנגעצייכנטע ליניע. באַגלייך ווי פּרץ, האָט ער שטרייִנג אָפּגעהיט די ריינקייט פון ייִדישער טראַדיציע. נישטאָ ביי אים קיין הוילע קעגנוואַרט. זיין וועלט־באַנעם איז אַ המשך פון דער ייִדישער געשיכטע, פון וועלכער ער האָט געשעפּט זיין וויזיע און מיט איר אויסגעבויעט זיין אידעאישן ייִדישיזם. די עקזיסטענץ פונם ייִדן אין דער צוקונפט, וועלכע הויבט זיך אָן מיט יעדן נייעם טאָג, איז ביי אים שטענדיק פאַרבונדן מיט אַן אָפּשיי צו אַסימילאַציע אין וועלכער ער האָט געזען אַ געפאַר פאַרן יחיד, און אויך פאַרן כלל. ער איז אין זיין אידייען־וועלט געגאַנגען אַ שפּאַן ווייטער ווי פּרץ. . . .

די אַסימילאַציע, וואָס לילית האָט געבראַכט צו מאָנישן, און מיט איר זיינען די פערד געפלויגן, ווי די אָדלער, האָט פּרץ געוואָלט דערשטיקן, דורך זיין בייסיקער סאַטירע. מיט שאַרפע מיטלען פון אַ קינסטלערישן סימבאָליזם, האָט פּרץ געוואָלט דערגרייכן זיין ציל. ער האָט געברויזט און געברויזט, ביז די מכשפה לילית איז אַרונטער אונטער אַ ראָמאַנטישן שלייער. זי האָט נאָך שטאַרקער געגרייצט. . . .

אָפּאַטאָשו האָט זיך געלאָזט פירן פון „אַ קלאָרן שכל“ און אַ רואיקן טעמפּעראַמענט. זיינע קינסטלערישע מיטלען זיינען רעאַלע און וויקלען זיך אויף די כוואַליעס פון אַ שטילן הומאָר.

אָפּאַטאָשו שטראָפט נישט אין זיינע שריפטן. ער לאַכט נישט אָפּ פון קיינעם. ער וואַרפט גאָרנישט אום און באַזייטיקט גאָרנישט. . . . ער קריגט זיך נישט מיט קיינעם און ער שעלט נישט. . . . ער איבערטרייבט נישט און חנפט נישט. . . . ער טרייסט נישט און באַוויינט נישט. . . . ער האָט נישט געפעלשט און נישט געקינצלט. . . . נישט געמאַכט דעם אָנשטעל און זיך נישט דערנידעריקט. . . . ער האָט נישט געשדכנט און נישט פאַרפירט; ער האָט נישט געדרייט און נישט גערעדט קיין פאַלשע רייד; און נישט געדינט קיין פרעמדע געטער. . . . ער האָט דאָס רענדל נישט אויסגעביטן. . . .

אָפּאַטאָשו געשטאַלטעט די סביבה, וואָס דינט אים פאַר זיין דערציילונג, אין איר אמת׳ר ווירקלעכקייט, פאַרויסגעזען קלימאַטישע צופאַסונג, וואָס קען אַרויסרופן פאַרשידענע שטימונגען ביי די מענטשן, וועלכע ער שילדערט; אָבער די מענטשן אַליין פאַרלירן נישט זייער כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אויסגעפאָרמט אין זיי פון קינדוויז אָן, לויט זייער ירושה און טראַדיציע. אויך זייערע שטימונגען שילדערט ער מיט גענויע פּסיכאָלאָגישע אמתן. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פאַל איז די דערציילונג „אין גלות" און אויך די דערציילונג „מיכאל". די געשטאַלטן זיינען נישט קיין יידישע.

אָפּאַטאָשו האָט זיין יידישקייט געהאַלטן ריין. די פּראָבלעמען אין וועלכע ס׳האָבן זיך אַרויסגעשטעלט געפאַרן פון דער יידישער אַסימילאַציע, און וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקענט, און אַזוי טיף פאַרשטאַנען, האָבן אים נישט איינמאָל אַריינגעצויגן אין אַ שווערן קינסטלערישן געראַנגל. ווי פאַר אַ שווערן נסיון שטייט דער יונגער דוד, דער יונגסטער זון פון ר׳ שמחה פּיזשיץ, בשעת ער מאָדעלירט די סקולפּטור „דער נייער ייד". ער גייט דורך א סך פּסיכאָלאָגישע ווייטאָגן דורך דער גאַנצער אַקציע אין דער דערציילונג „יום הדין". דוד׳ס געזונטער אינסטינקט אַנטוויקלט זיך צום קלאָרן געדאַנק, ווו ס׳הויבט זיך אָן יידישע טראַדיציע, געלייטערט דורך אָפּאַטאָשו׳ס לויטערער מחשבה. . . . דוד ווערט געשטאַרקט אין זיין געפאַלנקייט, און דערהויבן מיט באַנייטן מענטשלעכן שטאָלץ.

אָפּאַטאָשו האָט קינסטלעריש פאַרייניקט מאָדערנע יידישקייט מיט די אידעאַלן פונם „עטישן יידישיזם", וועלכער שליסט איין טראַדיציע און איז קיינמאָל נישט פריי פון דעם אָפּשיי פאַר אַסימילאַציע. אין דעם פּרט איז אָפּאַטאָשו אין זיין געדאַנקען גאַנג ווייט אַריבער די גרענעץ, וואָס פּרץ האָט פאַרפעסטיקט . . . אָפּאַטאָשוס אידיאָם איז דורכאויס רעאַליסטיש.

דער אינהאַלט פון זיינע שאַפונגען ווערט קלאָר געמאַכט אין אַ גוט דורכגעטראַכטער קינסטלערישער פאָרם, וואָס דערהויבט די יידישע שפּראַך, וועלכע ער האָט ליב בלב ונפש, צו הויכע עסטעטישע ווערטן.

כאַראַקטעריסטיש איז אַ בריוו געהאַלטן אין סטיל פון יידישער קבלה (אין דער דערציילונג „יום הדין"):

„פּיזשיץ איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט. אַרום די ווענט—שוואַרצע, מאַסיווע ספרים־שענק. אויף דער וואַנט איבערן שרייב־טיש—דעם רמב"ם׳ס בילד. פּיזשיץ האָט אַ לאַנגע צייט געשפּרייזט איבערן קאַבינעט. מיטן שפּרייזן האָט ער אָפּגעשאָקלט פון זיך די מויער, די וועלדער, די פּאָדריאַדן. דער טראָט איז געוואָרן לייכטער, די פאָלעס פונ׳ם שלאָפראָק זיינען זיך עטוואָס צעפלויגן. אַן אויפגעלייגטער האָט ער געעפנט אַ שיפלאָד, ווו ס׳זענען געלעגן בריוו. ער האָט אַרויסגענומען אַ בריוו, וואָס ר׳ איטשע־מאיר האָט געשריבן צו פּיזשיצעס זיידע. דער בריוו איז געווען אין יידיש. מיט פופציק יאָר צוריק, עטלעכע טעג פאַר יום־כפור, האָט ר׳ איטשע־מאיר געשריבן דעם בריוו. פּיזשיץ האָט געקוקט אויפן אָפּגעריבענעם כתב, אויפן האָריקן פּאַפּיר און צום הונדערטסטן



מאָל גענומען לייענען דעם בריוו מיט אַ זוהר־ניגון:

„. . . אם אין אני לי, מי לי — אַז איך וועל נישט טאָן מיין אַרבעט, ווער וועט זי פאַר מיר טאָן? יעדער מוז זיין אַרבעט אַליין אָפּטאָן, ואם לא עכשיו, אימתי? — פרעגט זיך, ווען וועט זיין דער „עכשיו"? דער יעצטיקער „עכשיו", אין דער מינוט, וואָס מיר ריידן, איז דאָך פון בריאת־עולם אָן נישט געווען. פריער איז געווען אַן אַנדער „עכשיו", שפּעטער וועט זיין אַן אַנדער „עכשיו" און אין יעדער „עכשיו" איז די אַרבעט, איז די עבודה אַן אַנדערע. דאַרף מען ווערן אַ מחותן מיטן כלל. אַז מען טוט אין כלל, האָט מען פון כלל. מען האָט פון כלל נאָך מער, וויפיל מען טוט אין כלל. ווייל מען קען האָבן פון יעדן יידנ׳ס עכשיו, אויב דער ייד האָט אין זיין עכשיו געטאָן עפּעס גוטס. ווארים — כשאני לעצמי מה אני — טוט אַ מענטש אַ גראָבקייט און וויל תשובה טאָן, טראַכט ער דאָך וועגן דער געמיינקייט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. און וועגן וואָס מען טראַכט, אין דעם ליגט מען. מען ליגט מיטן גאַנצן נפש אין דער געמיינ־קייט. דער מח ווערט פאַרגרעבט, ס׳האַרץ — פאַרוואַקסן. און דאָס ברענגט דעם מענטשן צו עצבות. דער מענטש נעמט זיך מוטשן. מוטשע אַהער די בלאָטע, מוטשע אַהין די בלאָטע — ס׳בלייבט אַלץ בלאָטע. יאָ געזינדיקט, נישט געזינדיקט — וואָס האָט מען אין הימל דערפון? אין דער צייט וואָס איך טראַכט וועגן זינד, קען איך דאָך זיין אַ נוקב־מרגליות, איך קען דרילן אָרליאַנסקע פּערל, אַז אין הימל זאָל מען דערפון עפּעס האָבן. דעריבער — סור מרע — קער אַוועק פון שלעכטס, קלער דערפון נישט — ועשה טוב — און טו בלויז גוטס. האָסט געטאָן עברות — פאַרגעס זיי. ס׳וועט באַלד זיין יום־כפור. און ערב יום־כפור דאַרף דער מענטש אַזוי אַרבעטן איבער זיך, ער זאָל מער נישט טראַכטן וועגן די אָפּגעטאָנענע עברות. מען דאַרף זיין גרייט צו טאָן בלויז מצוות מתוך שמחה. דער מענטש דאַרף זיין פריילעך. און ביים דאַוונען דאַרף מען דורכלויפן „על חטאים" וואָס שנעלער, נישט ליגן אין חטאים, נישט טראַכטן וועגן זיי. מען דאַרף דאַוונען מתוך שמחה, אַ געזאַנג דאַרף אויפגיין אינ׳ם מענטש, ווי ס׳שטייט אין „תומר־דבורה" — האדם ראוי שיתדמה לקונו — דער מענטש איז ראוי ער זאָל זיך פאַרגלייכן צום באַשאַפער.

פּיזשיץ האָט לאַנג געקוקט אויפן בלאָט פּאַפּיר, ווו צווישן די ווערטער איז נישט געווען קיין פּינטל, קיין אָפּשטעל. אותיות, ווערטער, שורות — אַלץ האָט זיך געקייקלט, אַלץ האָט זיך געשפּרייט ווי אַ טייך.

אַ זיכערקייט איז אויפגעגאַנגען אין דעם פיר און פערציק יאָריקן פּיזשיץ. נישט די זיכערקייט פון די אייגענע הייזער, פון די אייגענע וועלדער, נאָר די זיכערקייט פון ר׳ משה קאָרדאָווירער, ווען ער האָט געזונגען צו גאָט זיין „תומר דבורה", די זיכערקייט פון אַ ר׳ איטשע־מאיר, ווען ער האָט געשריבן דעם בריוו צו פּיזשיצעס זיידע.

ווען ער, פּיזשיץ, וואָלט געקענט איבערגעבן אָט די זיכערקייט דעם יונגסטן זון, דוד׳ן? ס׳האָט אים אַ צי געטאָן צום זון, וואָס איז געזעסן מיט אַ שטאָק העכער, געזעסן און געקלעפּט, און געפורעמט זיינע מענטשן . . .".

די דאָזיקע קבלה, וואָס אָפּאַטאָשו האָט אַריינגעלייגט צו דעם טראַדיציאָנעלן שמחה פּיזשיץ אין שיפּלאָד; און שמחה פּיזשיץ דאַרף די קבלה איבערענטפערן צו זיין יונגסטן זון דוד, אַ מאָדערנער קינסטלער, וועלכער זאָל מיט דער הילף פון דער דאָזיקער קבלה געשטאַלטן דעם נייעם ייד — אָט די דאָזיקע קבלה, וואָס האָט אַזאַ טיפע שליטה געהאַט איבער איטשע־מאיר׳ן, איז דער ברען־שטאָף פון אָפּאַטאָשוס אידעאישן יידישיזם, וועלכער איז ריין עטיש, ווען ער דערגרייכט זיין קאָנקרעטע פאָרם. . . .

„קאָצק“ און „גער“ . . . רבנים און מקבלים, חסידים און מתנגדים, סוחרים און בעלי־מלאכות, קעמפער און אידעאַליסטן, טרוימער און רעוואָלוציאָנערן, בחרים און יונגאַטשעס, גבירים און אָרימעלייט, העלדן און שטרייק־ברעכער, ווייסע און שוואַרצע, און מענטשן פון אַנדערע אמות, אַלע קומען זיי אין זייערע קינסטלערישע געשטאַלטן, ציען איבער די בלעטער פון אָפּאַטאָשו׳ס שריפטן; אַזוי אין די ביכער „אין פּוילישע וועלדער“, „אַכצן דריי און זעכציק“, „אַ ראָמאַן פון אַ פערדס גנב“, „לינטשעריי“, „רבי עקיבא“ און אין די אַנדערע ראָמאַנען, ווי אויך אין די פילע בענדער פון זיינע קורצע דערציילונגען. זיי ציען דורך אָפּאַטאָשו׳ס קינסטלערישער וועלט צו גילטן ווי סימבאָלן פאַר די לעבעדיקע מענטשן, פאַר די טויזנטער און טויזנטער ליינער, וואָס זוכן דעם קינסטלערישן אמת.

---

## יהודה ביעטש

## אויפן פרישן קבר פון יוסף אפּאטאשו

גרויס איז די אבידה אין דער איצטיקער גורלדיקער שעה פאַר דער יידישער קולטור. מיט זיין טויט איז פון אונז אַוועקגעריסן געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע און באַליבטסטע פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט מיט זיינע קורצע נאָוועלן און היסטאָרישע ראָמאַנען, פּאַנאַנדערגעוויקלט פאַר אונז מייסטערהאַפטע בילדער פון אַלט־ניי יידישקייט, געשאַפן אין פוילן און אַמעריקע. באַזונדערס האָט אָפּאַטאָשו זיך קונה־שם געווען מיט זיינע ווערק די טרילאָגיע „די פוילישע וועלדער“, „אַ טאָג אין רעגענסבורג“ און „אליהו בחור“. לעצטנס האָט זיין היסטאָרישער ראָמאַן, „דער לעצטער אויפשטאַנד“, אַרויסגערופן גרויס חשיבות אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס זיינען לעבעדיקע אָפּשפּליטער פונם לעבן גופא, פון וועלכע ס׳טריפט חיות און וואַרעמקייט. זיינע ווערק וועלן אייביק פאַרבלייבן אין דעם היכל פון דער יידישער וואָרט קונסט.

ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די גרויסע מייסטער־האַנט וואָס האָט אין דער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט אַזאַ גרויסע ריזיקע גאַלעריע פון קערנדיקע געשטאַלטן; אַרויסגעברענגט די אַטמאָספערע פון ווייטע יאָרהונדערטער, ווי בן־סירא׳ס אייניקל, „רבי עקיבה“ און פילע אַנדערע דערציילונגען פון גרויס וויכטיקייט, איז מער נישטאָ. ס׳שטעלט זיך די האַרבע פראַגע, ווער וועט אויספילן דאָס ליידיקע אָרט, בעיקר אין דער איצטיקער שווערער צייט?



אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט האָט אָפּאַטאָשו באַאַקערט און באַזייט דאָס יידישע פעלד אויף אַ פרוכטבאַרן אופן. מיט זיין אייגענאַרטיקע פעדער האָט ער אונז געגעבן אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם דערציילונגען, וועלכע שימערירן מיט פאַרב און שפּריצט מיט פונקן פון שאַרפזין. ער באַווייזט ממש וווּנדער מיט זיין שפּאָרזאַמקייט. זיינע שילדערונגען זיינען דער הפוך פון מענדעלעס און שלום עליכמ׳ס, וועלכע זיינען מיינסטנס געבויט אויף פיל רעדעריי.

געוויינטלעך האַלט מען מענדעלע מוכר ספרים פאַר דעם טיפּישן געבער פון יידישן נוסח. איך דענק, אַז די קרוין געהערט אויף דעם קאָפּ פון י. ל. פּרץ. ווייל פון זיין צייט הייבט זיך אָן אַ ווידעראויפלעבונג פון אַ נייעם יידן. אויך די ליטעראַטור האָט אָנגענומען אַן אַנדערן כאַראַקטער. די אָפּלאַך און מוסר ליטעראַטור האָט אַרויסגעזאָגט איר לעצט וואָרט. אַ פרישע ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן אויף דער יידישער גאַס. מען האָט אָנגעהויבן מאָלן דאָס פאָלק ווי עס איז, מיט זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיינע ליידן און פריידן, מיט זיינע באַדערפעניש און שטרעבונגען, מיט דעם אייביקן געראַנגל צווישן מענטש און מענטש און פון מענטש מיט זיך. ס׳איז נישטאָ קיין פרידלעך צוזאַמענלעבן, בלויז סתירות, אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין אָפּאַטאָשו׳ס אויגן און אַזוי ברענגט ער דאָס אַרויס אין זיינע דערציילונגען.

אָפּאַטאָשו פרווט נישט אָפּצוטיילן דעם מענטש פון זיין אַרום. ער וואַרפט זיך תמיד אינם לעבנס געווירבל, און שילדערט אַלץ מיט געאייל פון דעם האַסטיקן לעבן, אין וועלכן ער האָט געזוכט אַ נייעם ציל — און דער ציל זיינער איז געווען דער נייער מענטש, דער מאָדערנער מענטש, וועלכער איז אַ פּראָדוקט פון די איצטיקע באַדינגונגען, פאַרהעלטנישן און געראַנגלענישן.

יוסף אָפּאַטאָשו מישט אויף אַ ניי בלאַט אין דער ליטעראַטור. ער פירט פאַר אונז פאַרביי אין זיינע ווערק די שבת־יום־טוב׳דיקע יידן, אויך דאָס לעבן פון דעם וואָכנדיקן האָראָפּאַשנעם מענטש, פערדס גנבים און אַלערליי טיפּן, מיט אַלע פּיטשעווקעס. ער איז געווען אַ פּקח אינם מענטשלעכן פאַרקער. חוץ דעם אַ גלענצענדער רעדנער, בפרט ווען ער האָט רעפערירט וועגן קולטור־ליטעראַרישע פּראָבלעמען.

ביז איצט האָט אויסגעפילט אין אַמעריקע, אַזאַ אָרט ווי פּרצ׳ס, אָפּאַטאָשו. ער האָט געהאַט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס דערצו. אַליין אַ שאַפער פון אַ סך ווערק, אַ מענטש מיט אַ הויכער און אַלזייטיקער קולטור, תמיד געמישט מיט בליץ איינפאַלן, פון אַ שאַרפן און פאָלירטן אינטעלעקט, וואָס זאָגן עדות אויף אַ הויכע ליטעראַרישע קענטעניש. ער האָט פאַרמאָגט אַ וואַך און אויפמערקזאַם אויג איבער יעדע גרעסטע ווי דער מינדסטע ליטעראַטור דערשיינונג — אויף ביידע זייטן ים.

יוסף אַפּאָטאָשו האָט זיך געקלאָמערט אין דער פאַרגאַנגנהייט, געשעפּט פון דאָרט כוחות. זיין גייסטיקער שטח אָבער, איז פוילישע יידישקייט. זי ליגט אויסגעגאָסן ממש אויף יעדן שפּריץ פון זיין פעדער, ווי ער האָט אַזוי גלענצענד געשילדערט די יידישע אַלטע היים, מיט אירע אַמאָליקע, שוין איצט

פאַרשוווּנדענע טיפן, ווי ר׳ מענדעלע קאָצקער, ר׳ איטשע מקובל, ר׳ ישעיה׳לע פשעדבאָרזשער, דער טשעכאַנאָווער, און צענדליקער אַנדערע געשטאַלטן, פון וועלכע ס׳שטראַלט אַרויס אַן אייביקע ליכט.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז די קורצע דערציילונג: דער לייפּניקער רב, ר׳ ברוך תאומים, וועלכער האָט אויף דער אסיפה ביים באַנקיר, זיך אָפּגעזאָגט צו רויכערן דעם אויסלענדישן ציגאַר, וואָס ר׳ איצטיק טויבער, אַ דאַנציקער סוחר און דערצו אַ למדן, האָט אים מיט גרויס דרך ארץ אונטערגעטראָגן.

„כ׳רויכער מיין ליולקע ציבעק,״ האָט דער לייפּניקער רב געזאָגט, און זיך אַ דריי געטאָן צום שמש: „פּאוועש, זיי אַזוי גוט און גיב מיר מיין ליולקע ציבעק״.

„דער עולם רעדט דאָ דייטש, און אויף דייטש זאָגט מען פּייף ראר נישט ליולקע ציבעק״, האָט שטיל ר׳ איציק טויבער דעם רב איינגערוימט. דאָ האָט דער לייפּניקער רב זיך אַ שטעל געטאָן מיט אַזאַ רוגזה, אַז די גבירים האָבן געעפנט מויל און אויערן. דער רב האָט זיך צעשריגן:

„אַ כפרה זאָל זיין דאָס גאַנצע לייפּניקער רבנות, אויב כ׳זאָל דאַרפן בלויז איין וואָרט משנה זיין פון מיין לשון, וואָס כ׳האָב גערעדט אין זאַווירכוואָסט! און דו, פּאוועש, וויפל דאַרף מען דיר זאָגן, דערלאַנג מיר דעם ליולקע ציבעק״.

איך גלויב, אַז די קליינע דערציילונג „דער לייפּניקער רב״, איז גענוג צו געבן אַ געוויסן איינדרוק וועגן אָפּאַטאָשו׳ס מענטשן, וועלכע ווייסן נישט פון קיין צוריקטריט, קיין חרטה, מען לאָזט אַלץ אין קאָן. כאַראַקטער בלייבט כאַראַקטער. דאָס פילט מען בשעת מען לייענט די דערציילונג, וועלכע קלינגט ווי אַן אויסרוף פּראָטעסט קעגן דער גרויסער קללה פון שפּראַך—אַסימילאַציע.

אין אַלע זיינע ווערק האָבן מיר שטיקער לעבנס פון דאָ און דאָרט, פון איין לאַנד און אַ צווייטס, פון פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן, מיט זייערע אייגנשאַפטן און אינטערעסן, און בעיקר, מיט זייער אומאויפהערלעכן געראַנגל פאַר זייער עקזיסטענץ, פאַר זייערע געוווינהייטן, ווילן און ליידנשאַפטן.

מיט אַן ערך פון צוואַנציק אָדער מערערע יאָרן צוריק האָט י. אָפּאַטאָשו געהאַלטן אַ רעפעראַט אין דער איסט ענד פון לאָנדאָן, איבער געשיכטע און ליטעראַטור. ער האָט אין לויף פון זיין רעפעראַט געזאָגט: אונזער געשיכטע פאַרמאָגט קאָלאָסאַלע אוצרות, וווּנדערבאַרע קוואַלן פאַרן קינסטלער. „יעדער היסטאָרישער ראָמאַן וויקלט פאַר אונז פאַנאַנדער אַ תקופה, ציגט אָן וואָס פאַר אַ כוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט עס אינטערעסירן אונז, און ממילא לעבן אין אונז״. אָט דאָס איז געווען דער סטימול פאַר זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען, פון וועלכע ער איז געווען דער אָנהויבער און מיט וועלכע ער האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור.

כ׳האָב מורא צו זאָגן, אַז אין דעם פרט, האָט אָפּאַטאָשו נישט איבערגעלאָזן הינטער זיך קיין ריכטיקן יורש צווישן די שעפער פון יידישן וואָרט. עס איז אַוועק פון אונז איינער אַזאַ פאַנאַנדערגעבליטער!



## דוד זיידענפעלד

## שוין די מנחה שעה

1.

און די רגע׳ס קריכן
אין לעטשעלעך פון זייד,
שווערע שלעפּעס טראָגן
ווי קעניגלעכע לייט,
און די מינוטן מיט אַ גוטן
אָוונט פויל מאַרשירן,
קוים זיך רירן,
אַרויף אַרויף קלעטערן,
אויף די בין השמשות טרעפּ
און די צייט אויפבלעטערן
מיט שלעפעריקע קעפּ.

2.

און שוין די מנחה שעה
מיט מזל איז שוין דאָ,
די פייגעלעך שוין זיצן
אויף די ביימער שפּיצן,
וויגן זיך און שווייגן,
שווייגן אויף די צווייגן
מיט דער זון זיך קישן,
און די פרומע חסידים׳לעך
מנחה־סידור׳לעך אויפמישן.

3.

און עס ווערן טונקל
פון די בלומען די קאָלערן,
יעדעס בלומל אין אַ ווינקל
ווײנט זיך אויס מיט טרערן,
יעדעס ווערעמל אין זיין לעכל
קריכט זיך צו באַהאַלטן
אונטער זיין אייגן דעכל,
פיצלדיקע שפּאַלטן,
אין זיין אונטערערדיש הימל
דאַוונט ער מנחה אין אַ שטריימל.

4.

און אויף שטאָלצן קומען
אָנצוגיין שטאַפּעטן,
מיט שאָטנס אין די הענט,
אַ געלעגער אויסצובעטן
פאַר דער מלכה נאַכט
מיט די שטערן אויגן,
פורפור ציכן שוין
ליגן אויסגעצויגן,
אין אַ וועלדל דערווייל
מאַכט זיך גרייט די נאַכטיגאַל.

5.

גרייט איז שוין די פלעדערמויז
די וועלט אַרומצערייזן,
מיט די מרה־שחורה פליגלען,
ווידער זיך צו ווייזן,
צום טויבן שלאַק שוין פליען,
די לעצטע ווייסע טויבן,
און וואָלקנדלעך זיך ציען,
ווי כלה־שלייערן אויבן
זיי דער זון געפעלן
ס׳פנים צו פאַרשטעלן.

6.

ווי גרויס, ווי גרויס איז גאָט,
וואָס האָט די זון געמאַכט
האָפּט אַ פייגעלע אויף אַ בוים,
און זינגט אַ ליד פאַר־נאַכט,
שלעפעריק שוין פון שלאָף געטראַנק,
גענאַשט פון גאָט׳ס טוי טראָפּן,
ווערט עס נעבעך אַזוי מיד,
הערט אויף אַרומצוהאָפּן
און די מנחה־ווינטלעך וויגן
מיט אַן אשרי יושבי ניגון.

7.

און די זון אַ „זיי־געזונט״,
מיט אַ שקיעה־שמייכל,
קושט די ערד פאַרן שלאָף,
און זיך טובל׳ט אין אַ טייכל,
ווי אַ רבצין פאַרשלייערט
מיט אַ צנועה׳דיק געזיכט,
לייגט זי זיך אין מערב־בעט
און לעשט אויס די ליכט,
און איין גאָט אין הימל ווייסט,
ווער זי שוין איינשלאָפן הייסט.

## יוסף הלל לעווי

# לידער פון זיך!

1

נישט פאַרוועלקטע בלעטער גרינע,
ליגן — שוין אויף דרערד צעזייט,
ס׳האָט דער ווינט מיט טיפער שנאה,
אָפּגעפּליקט זיי פאַר דער צייט...

מיט אַ שיכורן פאַרלאַנגען
און אַ פינסטערן באַגער, —
פון וואָס העכער צו דערלאַנגען —
זיי, און פליקן אַלץ וואָס מער.

פאַר זיי׳ר ליבע, דופט און שאָטן,
מיט דעם פויגל־קלאַנג דורכוועבט,
ווערן הפקרדיק צעטראָטן —
זיי אין רינוועס טיף פאַרשלעפּט.

ביז זיי בלייבן אין חמרים
ליגן וויאַנעדיק אָן ווערט,
אָן אַ קדיש און אָן קברים
אויף דער ווייטער ברייטער ערד!...

2

ווי אַ ריזן קאַץ פאַרזשמורעט,
איבער וואַלד און פעלד צעלייגט,
האָט דער אָסיען זיך, און כמורעט,
רעגנט, נעפּלט, פוילט און שווייגט!

ער באַפּעלט די ווינטן ברומען, —
אויסגעלאַסן און צעלאָזט,
אָפּצוטויטן בליטן, בלומען
מיט דעם שאַרף פון ווייסן פראָסט.

3

בוימער רוישן, בלעטער פאַלן,
ס׳ברענט דער וואַלד אין זונענגלוט,
יעגער ביקסן שיסן, — קנאַלן,
ווי אַ וואָלף אַרום און בילט!

פייגל זינקן שווער באַהאָגלט —
פון די קוילן אומגעשטילט,
און דער ווינט פאַרהונגערט וואָגלט,
רייסט זיך ווי אַ וואָלף און בילט!

4

אָסיען, כאָטש די וועלט אַרומעט —
ליגט אין וויאַנען שוין פאַרטיפּט,
קאָן אַ האַרץ נאָך פריי פון אומעט—
זיין און פרילנגדיק צעשטיפּט.

שטיפן ווי דער ווינט מיט בלומען
און מיט ווערבעס ביי דעם טייך,
מיט די שטראַלן וועלכע קומען —
אָן צו לעצט שוין פון דער הייך.

שטיפן מיט די פייגל, בינען,
מיט די נעפּלען, פייכט פאַרגרויט,
מיט די רעגנס וועלכע רינען,
און פאַרגיסן אַלץ מיט טויט.

איז ווי לאַנג נאָך ס׳ליכט טוט טריפן,
גיסן זיך פון זונען־קוואַל, —
קאָן אַ האַרץ נאָך זינגען, שטיפן,
פרילינגדיק זיין איבעראַל . . .

5

מיט דער זון און ערד צוזאַמען
וואָס פאַרגליט און אייביק בליט;
טראָג די קעלט איך און די פלאַמען,
און דעם ים אין מיין געמיט . . .

מיט דער ערד און זון געמיינזאַם —
שטראַל איך אויס זיך און פאַרגיי;
און ווי זיי בין פריי און איינזאַם, —
אייביק איינזאַם איך און פריי!...

6

ליבע, כ׳בין מיט דיר פאַרבונדן, —
ווי דער וואָרצל מיטן בוים,
איז, וואָס העכער ס׳שטייגט מיין
טרוים,
וואָרצלען טיפער מיינע ווונדן . . .

איבער ליבע, ווונדן, טרוימען,
ווי אַ זונענזייל פון תהום, —



מיין פאַרלאַנגען איבער צוימען —
שטייגט אַריבער — צייט און רוים...

7

ווי אַ גרעזל כ׳לעב פון שטראַלן,
בייג פון ווינט זיך הין און צ׳ריק,
באַלד ליג עלנדיק געפאַלן —
איך, און באַלד דערהייכט פון גליק.

אָסיען, און אין ווינטערסצייטן
ס׳גאָלד פון האַרץ איך זוך און צייל,—
אין אַ טיפן איינעגשנייטן
זילבערדיק צעהעלטן הייל . . .

8

איבערזאַט פון פרייד, און טרויער,
פון דער ליבע און פון האַס,
ווי אַ הינטס אַ שאָטן גרויער —
לויפט מיין טאָג אַדורך די גאַס.

הפקר, איינזאַם, און פון קיינעם —
נישט באַמערקט און נישט באַאַכט;
ביז ער לייגט אַוועק אינאיינעם
שוואַרץ זיך שלאָפן מיט דער נאַכט...

9

ווי אַ מוילוואורף אינעם מיאוסן
זומפּיק ערדיש טיפן קויט, —
אין מיין לעבן בוירט מיין וויסן,
צו דערגיין דעם סוד פון טויט.

ווען פון זונענליכט די שטראַלן —
אינעם חשכת איך דערפיר;
הער איך פון דער לאַפּקע פאַלן —
פלוצים צו די טויטנטיר . . .

לאָנדאָן, 25־טן אָקטאָבער.

---

## א. נ. שטענצל

# יוסף אָפּאַטאָשו

עס האָט דער הערלעכסטער בוים אין וואַלד
נישט וווּנדערלעכער געבליט ווי דו,
און נישט צעוואַקסן זיך ס׳האָט אַ שטאַם
און צעצווייגט זיך מיט ברייטערסטער רו.

טויט־אויפגעציטערט ס׳האָט גאַנצער וואַלד,
ווען געפאַלן ביזט ווי פון אַ האַק!
אָבער ווי אַזוי באַוויינען דיך,
אַז פאַר מיין בליק ס׳שטייט דיין שיינקייט רק.

אויסקאָרטשען ס׳וועט קיינער נישט קענען
דעם געבליבענעם פניאָק אין דער ערד,
מיט אַזאַ צעבליען־צעוואַקסן
טייל פון דער ערד אויף אייביק מען ווערט.

הימל נאָר וויינען וועט וואָכן לאַנג,
און מיט אים די וואַלד־פייגל צוזאַם:
וווּ איצט זייערע נעסטער בויען,
און אים — אונטערשפּאַרט נישט מער דיין שטאַם.

## אָקטאָבער (צוויי לידער)

I

זי קומט שוין נישט די זון פאַר מיין פענסטער,
אַן אָפּשיין פון איר קוים נאָך פון ווייטן,
אַזוי פינסטער און גאַנץ אויסגעלאָשן,
אַהיימגעגאַנגען פון לעצט באַגלייטן.

ווי קאַלט אירע הענט זיינען געווען,
ווען איך האָב זיי אין מיינע געהאַלטן;
ס׳גייט איצט נאָך אַ שוידער איבער מיין הויט,
גערינצלט אין וויאַנענדיקע פאַלטן.

און נאָך רוישיקער שאָרכן אירע שריט,
וואָס דערווייטערטער זיי זיך באַוועגן,
ווי צווישן דעם בלעטער־געוויאַן אַ בלאַט,
ס׳וואָלט מיין האַרץ אַ וויינענדיקס געלעגן.

ס׳וועלן זיך ציען אַצינד לאַנג די נעכט:
וועל איך מיך נאָך אויף דער זון דערוואַרטן?
און וואָס קאָן נאָך נוצן איר וואַרעמקייט,
אַ פאַריאָריקן בלאַט אַ פאַרשאַרטן?

II

נישט אַ געדאַנק צו אַ געדאַנק מער,
און נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט זיך בינדן,
אַלץ וואָס אין מיר נאָך בלעטער־געשאָרך,
אין שוידערדיקע אָקטאָבער־ווינדן.

אַ לעצט געפיל אין האַרץ געוואַרעמט,
מיט לעצטער שוואַלב ווייט־ווו־וועקגעצויגן,
וועט שוין נישט מער דאָס נעסט געפינען,
ווען צוריקקומען עס וועט געפלויגן — — —

אַ גאַנצע נאַכט דער רעגן דרויסן —
אין מיר גאָר ער הערט נישט אויף צו רינען!
איך ליג מיט גרויס פאַרגלייזטע אויגן,
אַ מענטש אָקאָרשט אַראָפּ פון זינען —

אַ שוואַרץ צעגלאַנצט קנוילכל פאָדים,
עס וויקלט זיך אין קאָפּ מיר כסדר;
איבער מיין האַרץ אין נאַסן דרויסן
וואַקלט אַ וואָגן מיט שווערע רעדער.



## אָקטאָבער באַלאַדע

אַ גאַנצע נאַכט עס איז דער הימל,
מיט כמאַרעס געווען איבערגעצויגן —
קישן־ציכלעך פול טרערן־פלעקן;
צווישן קויטיק־פאַרשווייסטע בעבעכעס,
געלעגן ווער און אויסגעוויינט די אויגן.

כאָטש כאַפּן דעם אָטעם  אויף אַ ווייל,
לבנה אַרויס פון שווערער כמאַרע;
פלינק דעם קאָפּ צוריק איינגעצויגן,
ווי געשעמט זיך באַווייזן אַ פּנים,
מיט אַזאַ פאַרוויינט געשוואָלענע מראה.

געגאָסן, געגאָסן גאַנצע נאַכט,
אין דער פרי דער הימל אַזאַ בלויער!
ערגעץ ווייט ווו אויף ברעג ים מסתם,
אין פולער באַליע מידלינעס צעשוימט,
געזייפט זיי ווער מיט אַנשטרענג און אויסדויער.

און געדרענגט און געריבן ס׳האָבן
די וואַסער־פרויען און די ים־שרעטעלעך!
אין ווילדע לבנה ווינדן אַצינד
זעען דען נישט די ברעגעס איצט אויס דאָרט,
ווי טיף געקאַרבטע דעמבענע וואַש־ברעטלעך?

אָבער ווער ווייסט היינט ביי נאַכט ווידער,
וואָסער אויסזען דער הימל וועט קריגן?
פון גרויסע לבנה־טרערן באַפּלעקט
עס וועלן ווידער די כמאַרעס טריפן,
ווען אין נאַסע שוידער אַנגסטן וועסט ליגן.

## פאַר אַ בילד פון פאול סעזאַן

אַזוי גאַנץ אויפצוגיין בלויער קטורת,
אַזוי גאַנץ צו ווערן שטילע תפילה,
ווי חנה אין שילה צו שטיין פאַר גאָט,
אַן ליפּן געשעפטשע שוין אפילו.

ווי לויטער ווי בלוי ס׳טובלט זיך דער בליק,
אויפלויכטן די פאַרלאָשנסטע אויגן!
פאַרשטעקט טייכל שעפּטשעט ערגעץ ווו,
וואַלד שאָטנדיק בלוי איבערגעצויגן.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 12 (העפט 279) פופצנטער יאָרגאַנג דעצעמבער, 1954 לאָנדאָן

## „והדליקו נרות בחצרות קדשך“...

וואָסער פּנים האָבן נאָך די אַלע יוונים־פּאָליטיקער פון אַלע פעלקער, אונזערע ככל־הגויימדיקע מיט אַריינגערעכנט. עס איז שוין צומאָל אַ ניוועלירונג, אַ חילול־הקודש, צו פּאַראַפראַזירן דאָס יידישלעכע פאָלקלאָר־ווערטל: „ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך“. אַז מען זעט דעם פלינקן שאַכער־מאַכער־האַנדל, מיט סאָלדאַטסקע מיילן־שטיוול פאָראויס, און מיט די „לאַנגע הענט“, אין דיפּלאָמאַטישע הענטשקעס, פון די גרויס־מאַכטן וואָס פאָרן זיך ביי דער דייטשער באַוואָפנונג, און מען הערט דאָס זיסע קול־קול־יעקבל נעבעך ביים „נאָרמאַליזירן“ די דייטשע־ישראל באַציאונגען.

און אַז כדי די ניווילירונג אונזערע זאָל האָבן דעם אמתן ניוואָ זיינען אַלע נאַציאָנאַל יידישע פּאַרטייען און קולטור־געזעלשאַפטן אונזערע מיט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם האַזאַרד. און באמת, אַז אַלץ איז שוין אַ שפּיל פאַרן טייוול, איז וואָס איז שוין גרויס דער אונטערשיד; וואָס לוינט שוין דאָ אַ וואָרט נאָך קאַליע צו מאַכן — דער „דזשאָקער“ טרומפּירט!...

באמת, בשעת מען שפּילט שוין מיט אָפענע קאָרטן, בשעת מען סטראַשעט שוין נישט אויף קאַטאַוועס, בשעת ס׳ליגן שוין אויפגעדעקט אויפן טיש די פיר טייז, אָדער די פיר מלכים; בשעת אונזער דריידלדיק ערד־קיילעכל שטייט „שמונה־עשרה“, זאָלן יידלעך אויך קריגן חנוכה־געלט פון ליבן אַנקל פריץ און זיך שפּילן אין דריידערל: „נס גדול היה שם“.

ווי עס בויט זיך דאָס די געוואַלטיקע אַרמיי מיט פּיעכאָטע און קאַנאָנען הידראָניזירט, צווישן ירדן און ניל, זיך צו געבן מיט זעלנערלעך אַ שפּיל.

און ברויך מען דען אַ ברייטערע מדינה אויף אַ גרענעץ פּאַס, כדי דאָרטן אַריינצושטעלן דאָס פולווער־פּאַס — כשיצרך! ווען די צייט וועט קומען און עס וועט זיין נויטיק און דער יצר הרע וועט געבן אַ טיקע... דערווייל זאָלן די שילומים־שיפן צעפירן די דייטשע סחורות צו די פעלקער אפילו וואָס שעמען זיך נאָך צו קויפן דירעקט דייטשע וואַרע... און נאַטירלעך דערווייל, איידער די אַלע „יד־ושם“ כתב־יאַטן פון די קדושים און גראַטעוועטע וועלן טון דערשיינען, זאָל קלאַסיפיצירט און נומערירט און קאַרטאָניזירט ווערן אין די וויסנשאַפטלעכע אַרכיוון פון „ייוואָ“־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט לייוויקס אַלע „אויסשניטן“, אַז עס זאָל חלילה קיין איינער פון זיי נישט פאַרלוירן גיין, פון זיין „איך בין אין טרעבלינקע נישט געוועזן“.

מישטיינס געזאָגט די הויכע קולטור־ווערטן אונזערע, די גייסטיקע באַשיצונגען אונזערע, ווען דאָס גאָלדענע רענדל ווערט גראָשנדיק אָפּגעטוישט אויף קופּער־קלינגענדיקע קינה־פּראַזן פון „צדקה תציל ממות“...

---

פּריינט פון יידיש לשון

**שבת, דעם 18־טן דעצעמבער, 7.30, אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט**

**אַ גרויסער חנוכה באַל**

**טענץ, טאָמבאָלאַ, לאַטקעס און דריידלעך**

5 שילינג, „רעפרעשמענט“ איינגעשלאָסן.

---

סוף־חודש זונטאָגס

**בן אורי,** 14 פּאָרטמאַן סטריט, וו.1.

**זונטיק, דעם 26־טן דעצעמבער, 8 אזייגער**

**אַ חנוכה פייערונג**

חנוכה־ליכט צינדן, חנוכה־לידער, חנוכה־דערציילונגען פון אונזערע קלאַסיקער.

עס באַטייליקן זיך: י. ביעטש, איזי בלעקער, נעט רובין, זעליק עפּעלבוים,

א. בלום, רבקה היישעריק און קיטי בראַון.

---

פּריינט פון יידיש לשון

**שבת, דעם 1־טן יאַנואַר, 7.30**

אין דיען סטריט סינאַגאָגע, דיען סטריט, א.1.

**אַ קלאַסיקער־אָוונט**

**צום 119־טן געבוירן טאָג פון מענדעלע מוכר־ספרים**

עס באַטייליקן זיך מיט לייענען מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם:

**זעליק עפּעלבוים, איזי בלעקער, אייזיק גאָלדבערג**

און **נעט רובין**

העברעאישע און יידישע לידער וועט זינגען **שלום ראָזענבלום**

קומט אין מאַסן. אַלע זיינען איינגעלאַדן.

---

## די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „פּריינט פון יידיש לשון“

אַלע אונזערע פּריינט זיינען איינגעלאַדן צו אונזער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס קומט פאָר זונטיק, דעם 9־טן יאַנואַר, 3.30, אין אַרבעטער רינג, עלי סטריט, א.1.

סדר היום: 1. באַריכט פון דער אַרבעט פון פאַרגאַנגענעם יאָר.

2. אַרבעט־פּלענער פאַר קומענדיקן יאָר.

3. וואַלן.